אונזער נייער פלאץ איז: 251-253 קווין סטריט וועסט

אונזער נייער טעלעפאן איז: עדעלייד 3967

The Hebrew Journal

דער אידישער

זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטאריא.

VOLUME III. No. 887 Toronto Friday January 21th 1916

טז' שבט פרשת יתרו תרע"ו

פרייטאג, דער 21־טער יאנואר 1916

PRICE: 1 CENT

מאנטענעגרא שלאגט זיך ווידער מיט עסטרייך

לאנדאן, יאנואר, 20

סער דזשאהן ראופער פארקונגטאן, קאנסול דזשענעראל אין לאנדאן פאר מאנטענעגרא, האט היינט ערהאלטען אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון דעם בעריכט דאס קעניג ניקאלאיי פון מאנטענעגרא און זיינע זיהן וועלען בלייבען די פיהרער פון זייערע טרופען, מיט'ן בעשלוס צו שלאגען זיך ביז צו דער לעצטער מינוט. די קעניגין מילענא מיט צוויי טעכטער איהרע זיינען שוין אנגעקומען קיין איטאליען אויף זייער וועג קיין פראנקרייך.

רוים, יאנ. 20

די שלאכט צווישען עסטרייך און מאנטענעגרא האט ווידער אנגעהויבען. מאנטענעגרא האט היינט אפיציעל בעריכטעט וועגען דעם צו איטאליען.

מאנטענעגרא'ס בעשלוס איז קאמוניקירט געווארען צום איטאליענישען אויסלענדישען אפיס פון דעם מאנטענעגרינער פרעמיער. די נאטע זאגט, אין תמצית, דאס קעניג ניקאלאי און די מאנטענעגרינער רעגיערונג האבען פערווארפען אלע קאנדיציאנען וועלכע עסטרייך האט פארגעשלאגען, און דאס די שלאכט געהט שוין אן אויפ'ן גאנצען פראנט.

קעניג ניקאלאי וועט בלייבען מיט זיין ארמיי כדי צו ארגאניזירען די פערטיידיגונג פון דעם לאנד.

קיין פריעדענס פערהאנדלונגען.

פאריז, יאנואר 20

עס איז היינט אפיציעל בעקאנט געמאכט געווארען דאס צווישען מאנטענעגרא און עסטרייך זיינען פריעדענס אונטערהאנדלונגען קיין מאל ניט פארגעקומען. קעניג ניקאלאי, איז ערקלעהרט געווארען, געפינט זיך אין פאדגאריטצא אין דרום מאנטענעגרא, מיט זיין חיל, פארטזעצענדיג ווידערשטאנד צו די עסטרייך־אונגארישע איינדרינגלינגע.

פון אטהענס קומען אן דעפעשען וועלכע טהיילען מיט דאס בלוטיגע שלאכטען קומען פאר צווישען עסטרייכישע טרופען און צווישען די איינוואוינער פון שטעדט אין מאנטענעגרא, וועלכע די איינדרינגלינגע האבען פערנומען.

אין אנטיווארי, טיעקא, צעטטיניע און דאנילאגראד האבען שוין שטאטגעפונען בלוטיגע שלאכטען און אלע פערזוכען פון די עסטרייכער איינצופיהרען ציווילע אדמיניסטראציאנען זיינען ניט געלונגען.

איטאליען וועט העלפען די סערבען.

רוים יאנואר, 20.

די איטאליענישע רעגיערונג האט בעשלאסען צו געבען הילף פאר דער רעארגאניזירונג פון די איבערגעבליבענע פון דער סערבישער ארמיי. מען זאגט דאס גאנצע 50 טויזענד סערבען האבען גערייכט א צופלוכטס ארט אין קארפו.

שפאניען וויל אויך אריין אין קריעג

לאנדאן, יאנואר 20

די עלליים פאסען אויף אויף יעדער בעוועגונג פון דער ספאנישער רעגיערונג, ווייל עס געהט ארום א קלאנג אין לאנדאן דאס שפאניען מאכט געהיימע פארבערייטונגען אנצופאלען אויף פארטוגאל, ווייל אזוי ווי ענגלאנד פיהרט איצט קריעג, פאלגליך, דענקט זי, וועט ענגלאנד ניט קענען קומען צו הילף פארטוגאל. אזא שריט וואלט נאטירליך געשטעלט קעניג אלפאנזא וועלכעס הייסט געגען די עלליים.

פריוואט ידיעות פון אפארטא און פון אנדערע פארטוגעזישע שטעדט בעשרייבען היינט די אינערליכע לאגע אלס אזא וואס ווערט ערנסטער פון מינוט צו מינוט. אמת קיינער בעהויפטעט ניט דאס שפאניען האט שולד אין דעם, וואס מען זאגט אבער יא איז; דאס די קריטישע שפייז פראגע און די אונאויפהערענדע סטרייקס און אויפשטענדע האלטען די שומרים פון דער רעפובליק אויף דער וואך. בלוט גיסט זיך גאנץ אפט אין צוזאמענשטויסען צווישען די טרופען און די ציווילע בעפעלקערונג וועלכע וויל עסען.

אכציג טויזענד ארבייטער אין סטרייק מיט א קורצע צייט צוריק זיינען איינינגע טויזענד בירגער צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען פיעלע פרויען, בעפאלען אן אייזענבאהן סטאציאן און האבען קאנפיסקירט פיעלע קארבען מיט קארטאפעל און אליווען וועלכע האבען געזאלט אוועק געשיקט ווערען מיט דער אייזענבאהן. אין א קארטאפעל אויפשטאנד אין פינהעל איז א מאסע בעוואפענט מיט שטעקענס און מעסער בעפאלען די וואהנונג פון הויפט מאגיסטראט. פיעלע זיינען פערוואונדערט געווארען ווען טרופען האבען געמאכט ארדנונג.

אין צפון פארטוגאל זיינען הונדערטער בונטאווטשיקעס פערוואונדערט און פיעלע געטויטעט געווארען.

דאס וואס שפאניען בעזארגט אזוי איילעניש איהר ארמיי מיט ביקסען און מיט אמוניציאן ווערט בעשפראכען ערנסט אין די הויפט שטאדט פון די עלליים. איבעראל זאגט מען דאס שפאניען קוקט ארויס אויף דעם מאמענט ווען די עלליים וועלען זיך געפינען אין א קריטישער לאגע וועט זי אנפאלען אויף די פארטוגעזער.

א ספאנישע קאמיסיע געפינט זיך איצט אין ניו־יארק און קויפט מיליאנען אמוניציאן און מאכט בעשטעלונגען פאר ביקסען און פאר פעלד ארטיללעריע. אין ספאנישען קאנסולאט האט מען דאס ערקלעהרט דערמיט וואס שפאניען טהוט עס בלויז צוליעב "פריפערעדנעס" מיט'ן צוועק זיך צו פערטייהיגען.

מאנטענעגרישע הויפט שטאט אין סקוטארי

סאן דזשיאוואני די מעדוא, אלבאניען יאנואר 19

די מאנטענעגרישע רעגיערונג האט זיך אריבער געקליבען און זיך איינגעשטעלט אין סקוטארי.

ענגלענדער ווארפען רויך באמבעס

בערלין, יאנואר, 20

דער אפיציעלער בעריכט לויטעט:

"אונזערע פאזיציאנען אין צפון זייט פון פרעלינגהין פראנקרייך, זיינען נעכטען אווענד אטאקירט געווארען פון די ענגלישע, וועלכע האבען גענוצט רויך־באמבעס. די אטאקע איז אנגעגאנגען אויף א שטח פון איינינגע הונדערט יארד. דער שונא איז צוריקגעשטויסען געווארען מיט גרויסע פערלוסטען דעם שונא'ס ארטילעריע, לויט דעם געוועהנליכען פלאן האט באמבארדירט די קירכע אין לאן.

"אן ענגלישע לופט שיף, טראגענדיג צוויי מאשין הארמאטען, די מאשין איז געווען איינע פון א גאנצען לופט סקאדראן, איז ארונטער געשאסען געווארען נעבען טורקואן פון א דייטשען לופט מאן. אויפ'ן איזער, האט דאס פייער פון אונזערע אנטי־לופט־מאשינען הארמאטען געצוואונגען א שונא־שיף צו לאנדען אין שונא'ס ליניע. די לופט שיף איז באלד פערניכטעט געווארען פון אונזער ארטילעריע.

"וועהרענד פאריגער נאכט האבען מיר געווארפען באמבעס אויף מיליטערישע געביידעס אין נאנלי.

אויפ'ן מזרח שלאכטפעלד זיינען פארגעקומען ארטיללערישע דועלען און צוזאמענשטויסען פון די פארפאסטען אויף פערשיעדענע פונקטען."

גריכישער קעניג וויל ארויסקריגען די עלליים פון לאנד

אטהענס, יאנואר 20

וועהרענד קעניג קאנסטאנטין איז דאפיר אז מען זאל נוטצען מאכט כדי ארויסצוטרייבען די עלליים טרופען, ערקלערען זיינע ראטגעבער דאס ער וועט זיך דורכאויס צוריקהאלטען צו מאכען וועלכען עס איז פערזוך צו בעאיינפלוסען מעמבערס אף פארלאמענט.

אויב דער נאציאנאלער ווילען, וועלכער דריקט זיך אויס דורכ'ן פארלאמענט, וועט פערוואהפען שריטע פון מאכט, וועט דער קעניג ווארשיינליך דעמאביליזירען די ארמיי איבער די גרויסע הוצאות וואס אזא זאך קאסט אב די רעגיערונג, צו האלטען די ארמיי אזוי ווי זיי וואלטען געשטאנען אין קריעג.

פרעמיער סקולודיס האט געגעבען אנצוהערעניש דאס עס וועט געשיקט ווערען א נאטע צו די פעראייניגטע שטאאטען פראטעסטירענדיג געגען דאס פערנעמען ביי די עלליים גריכישע טעררי־טאריע.

הילף איז 7 מייל פון קוט־על־אמארא

לאנדאן, יאנואר, 20

גענעראל עילמער'ס הויפט חיל, וועלכעס איז ארויס פון אימאם אלי גהערבי צו קומען צו הילף צו גענעראל טאונסענד'ס ענגלישע ארמיי, וועלכע געפינט זיך בעלאגערט אין קוט־אל־אמארא, מעסאפאטאמיען, געפינט זיך איצט בלויז זיבען מייל פון זיין ציעל, איז היינט אנאנסירט געווארען אין הויז אף קאממאנס, ביי אסטען טשעמבערליין, דער סעקרעטער פאר אינדיען.

די הילפס ארמיי האט שוין געגרייכט עססען, אויפ'ן טייך טיגרים, וועלכעס געפינט זיך זיבען מייל אין מזרח פון קוט־אל־אמארא.

גענעראל טאונסענד בעריכטעט דאס קיין שלאכט איז ניט פארגעקומען ביי קוט־על־אמארא.

מר. טשעמבערליין האט אויך אנאנסירט דאס גענעראל סער פערסי לייק האט נעכטען איבערגענומען די הויפט קאמאנדע איבער דער עקספעדיציאן אין מעסאפאטאמיען פון גענעראל ניקסאן וועלכער איז אלס דיענסט אונפעהיגער מעהר אהיים געפאהרען.

דיעזע ידיעה בעדייטעט דאס זיי האבען אוואנסירט אונגעפעהר 16 מייל, טראץ דעם שלעכטען וועטער, וועלכעס האט פיעל געשטערט זייער פארשריט.

רוסישע אפענסיווע בענייט

פעטראגראד, יאנואר 20

רוסישע טרופען האבען שוין ווידער אנגעהויבען צו קלאפען אין די פערטיידיגונגס ליניען פון דייטשען און עסטרייכער אין דער דרום'דיגער ענדע פון דעם שלאכט פעלד. נאכדעם ווי די רוסען האבען ארגאניזירט די פאזיציאנען וועלכע זיי האבען פערנומען אין זייערע ערשטע אטאקען אויף די עסטרייך־דייטשען אין בעסאראביען און אין גאליציען, האבען זיי בענייט זייער אפענסיווע.

צאר ניקאלאי האט פערלאזען פעטראגראד, און, ווי עס ווערט בעריכטעט, געהט ער צום פראנט ביי טשערנאוויטץ. דער ערפאלג פון דיעזער גרויסער בעוועגונג וועלכע קומט דארט פאר, גלויבט מען, ווענדט זיך אין דעם רעזולטאט פון דער אלגעמיינער שלאכט ארום טשערנאוויטץ, דער אנפאנג פון וועלכער איז שוין געמאכט געווארען.

די דייטשע־עסטרייכער טרופען וועלכע שטעהען דארט אנטקעגען די רוסען זיינען זעהר פיעל פערשטארקט געווארען.

א דעפעשע פון בוקארעסט לויטעט דאס א טהייל פון די עסטרייכער און דייטשע טרופען וואס האבען זיך געשלאגען אין סערביען און אין מאנטענעגרא, ווערען איצט טראנספארטירט צום מזרח פראנט.

און ווידער די שעל קאמיטי

אטאווא יאנואר 20

די זיצונגען פון פארלאמענט ווערען נאך אלץ פערנומען מיט דער אמוניציאנס פראגע יעדער איין מיטגליעד ווייזט אויס פיהלט אז ער האט עטוואס צו זאגען וועגען דער שעל קאממיטי בפרט און וועגען דער שלעכטער קענעדער אמוניציאנס סיסטעם בכלל;

מען האט אין אפיציעלע קרייזען גערעדט גאנץ אפען, אז די בעשולדיגונגען פון האנאררייבעל פאגסלי געגען דער שעל קאמיטי זענען געווען אזעלכע שטארקע, אז דער פרעמיער בארדען האט געפונען פאר נויטיג צו ענטפערען איהם.

דער ווייל האט נאך דער פרעמיער גאר נישט געזאגט, עס ריידען אנדערע און מען האלט אין ווארפען בעשולדיגונגען אויף דער רעגירונגס אמוניציאן סיסטעם.

האנארייבעל טשארלס מוירפי האט געבראכט אויסציגע פון א לאנדאנער טעלעגראמע צו דער "ניו־יארק סאן", אין וועלכער עס ווערט בעריכטעט אז לאיד דזשארדזש האט זיך אויס געדריקט אין דער הויז אף קאממאנס, אז אמוניציאן קומט אן אין ענגלאנד פון אמעריקא אבער ניט פון קענעדע.

מר. מוירפי האט זיך דאן געווענדעט מיט אן אנפראגע צום פרעמיער אויב ער ווייס מעהר אינפארמאציאן וועגען דעם, דער פרעמיער האט אבער ערקלעהרט אז ער צווייפעלט אויב דער ענגלישער אמוניציאנס מיניסטער האט זיך בכלל אזוי אויסגעדריקט.

האנאררייבעל פראנק אליווער האט אויך פארגעזעצט זיין רעדע וועגען אמוניציאן צו דער היינטיגער נאכמיטאגדיגער זיצונג, סער ראבערט בארדען האט ערקלעהרט אין א רעדע וועלכע ער האט געהאלטען אין סאנט דזשאהן האט מר. אליוועער געזאגט, אז די מאשין ביקסען זענען דעליווערט געווארען מיט א קורצער צייט שפעטער איידער דער מיליץ מיניסטער האט ערקלעהרט אז זיי וועלען דעליווערט ווערען.

זענען די מאשין ביקסען שוין דעליווערט געווארען? האט מר. אליוועער געפרעגט.

זענען אונזערע טרופען אויף די פראנט גוט בעזארגט מיט אמוניציאן?

אונזערע טרופען האבען אין די ערשטע שלאכטען פיעל פערלוירען ווייל זיי זענען ניט געווען בעזארגט גענוג מיט אמוניציאן.

אין קאלגארי האט מר. אליוועער ווייטער ערקלעהרט, האט מען געטריינט 8000 סאלדאטען מיט 60 ביקסען, און די ביקסען זענען אויך ניט געווען אזעלכע וועלכע האבען געקענט בענוצט ווערען פאר'ן שלאכטפעלד.

איך וואלט געוואלט הערען האט מר. אליוועער פערענדיגט אז דאס אלעס איז ניט ריכטיג, איך ווייס אבער אז עס איז ריכטיג, און פאלגליך אונטער אזעלכע אומשטענדען וועט זיין גאנץ שווער צו בעקומען נאך 250,000 רעקרוטען, וועלכע עס פאדערען זיך.

ענגלאנד וויל נאך פריוויליגע אנשטאט צוואנגס דיענסט

לאנדאן, יאנואר 20

די ערשטע וואלונטירען אונטער לארד דערבי'ס רעקרוטינג פלאן האבען היינט אנגעהויבען צו ערשיינען אין קריעגס אפיס פאר אקטיווער דיענסט. דיעזע פערזאנען, 350 טויזענד אין צאהל, בעשטעהען פון 2־טע, 3־טע, 4־טע און 5טע גרופען. זייער עלטער איז פון 19 ביז 23 יאהר. די מיטגליעדער פון גרופע נומער 1 האט מען נאך ניט אויפגעפאדערט צו קומען ווייל זיי זיינען צו יונג. לארד קיטשנער האט געגעבען ארדערס דאס די וואלונטירען זאל מען באלד אנהויבען צו לערנען אזוי אז אין אנהויב זומער וועלען זיי פילע ווארשיינליך שוין שטעהען אין פראנט.

נעכטען האט לארד דערבי ווידער אנגעהויבען א רעקרוטינג קעמפיין און אלץ נאך א פרייוויליגען. דער צוועק איז צו מאכען נאך א גרויסען פערזוך צו קריעגען אזוי פיעל פרייוויליגע כדי דער צוואנגס־דיענסט ביל זאל ווערען פון זיך א טויטער בוכשטאב.

דאס דריטע לעזען ערשט קומענדע וואך.

לאנדאן, יאנואר, 20.

די פאזע פון דעם ביל, ווען ער געפינט זיך נאך אין דער קאמיטע, האט זיך געזאלט ענדיגען נאך נעכטען אווענד אין הויז אף קאממאנס, נאר איבער דער שרעקליך גרויסע צאהל אמענדמענטס וועט עס נעהמען נאך א טאג, דאס וועט מאכען אז מען וועט מיט דעם ביל ניט פערטיג ווערען ביז קומענדער וואך.

אן אינטערעסאנטער פונקט איז פאראן אין דעם ביל וועלכער איז ניט ווייניג דיסקוטירט געווארען. דער פונקט רופט זיך: דער פונקט פון געוויסען איינווענדונג דאס הייסט ווען איינער וויל ניט געהן דיענען ווייל זיין בעשעפטיגונג איז פון נאציאנאלע וויכטיגקייט. די רעגירונג האט זיך ארויסגעוויזען נאכגעביג און זי האט פערשפראכען אנצונעהמען אן אמענדמענט וועגען דעם.

סער עדווארד גריי איז בעז

לאנדאן, יאנואר 20

"זעהר ניט יושר'דיג און ניט אמת", איז געווען דער ענטפער פון סער עדווארד גריי, דער מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, אויף א פראגע וואס איז צו איהם געשטעלט געווארען אין הויז אף קאממאנס היינט נאכמיטאג ביז ראולאנד הונט, בנוגע דער פערעפענטליכונג פון א סטייטמענט וועגען אמעריקאנער טרייד סטאטיסטיקס. וועלכע דער פראגע שטעללער האט גענוצט צו בעווייזען אז די בלאקאדע דארף זיין שטארקער.

טאקי צרות, קיין הילף אבער וויל ניט האלאנד.

אמסטערדאם, יאנואר 20

די פערפלייצונגען אין האלאנד וועלכע האבען שוין פעראורזאכט שאדען וועלכער ווערט געשאצט אויף הונדערט מיליאן דאללאר ווערען גרעסער און גרעסער טעגליך, די האלענדישע רעגירונג בעט אנדערע נאציאנען זיי זאלען ניט עפענען קיינע הילפס פאנדען.

פאנאמא קאנאל וועט זיך ניט עפענען שנעלל.

וואשינגטאן, יאנ. 20

מעדזשאר דזשענעראל. געא. געטהאלס האט היינט מודיע געווען דעם קריעגס דעפארטמענט דאס דער בעריכט אז דער פאנאמא קאנאל וועט זיין אפען פעברואר דעם 1־טען איז אהן וועלכען עס איז פונדאמענט.

ליבעראלע וועלען אטאקירען גענעראל יוהז

די ליבעראלען האבען נעכטען געהאט א קאקס מיטינג וועגען דער פערלייגערונג פון דעם פארלאמענט טערמין.

וואס דארט איז בעשלאסען געווארען איז אונבעוואוסט מען ווייס אבער אז זיי האבען בעשלאסען צו אונטערשטיצען דעם פארשלאג וועגען א אונטערזוכונגס קאמיטי פאר דער אלטער שעל קאמיטי.

די ליבעראלע מיטגליעדער זענען מיט דער מיינונג אז גענעראל סער סעם יוהז האט פערדיענט שטארק קריטיקירט צו ווערען פאר דער סיסטעם פון דער אלטער שעל קאמיטי און דער מיט וועלען זיי האבען א בייטש געגען דער גאנצער קאנסערוואטיווער רעגיערונג.

פלאץ פאר שעכטען עופות פערמאכט

נעכטען האט דער ריכטער בעשטראפט מיט פינף דאללאר פאר שעכטען עופות אין באסטער פליים מיט אן התראה דאס אויב מען וועט עס טהון נאך אמאל וועט די שטראף זיין פיעל פיעל גרעסער.

מען וועט ווארשיינליך אויך פערמאכען די אנדערע צוויי פלעצער, אין קענזינגטאן און אין ריטשמאנד סטריט.

איין פלאץ א גרויס, זאגט מען אונז, קאן מען ניט אדער מען וויל ניט — בויען, וועט, הייסט עס, אויסקומען דער גאנצער שטאט צו שעכטען עופות אויף איין ארט, אין סיינט פעטריק מארקעט, וועלכעס איז א זאך דער אונמעגליכקייט ווייל דאס ארט איז זעהר אונבעקוועם, ווייל עס איז קליין.

אויב קיין זאך וועט אין דיעזער הינזיכט ניט געטהון ווערען וועט ווירקליך זיין זעהר און זעהר טרויעריג.

סאציאליסט פערמשפט

סאנט־דזשאהן, נ. ב. יאנואר 20

ווילפריד גריבל, דער סאציאליסט וועלכער איז געמשפט געווארען פאר בעליידיגען דעם קעניג, און וועלכער עס איז געפונען געווארען שולדיג, איז היינט פערמשפט געווארען צו צוויי מאנאטען אין קאונטי דזשייל.

גריבל'ס פערברעכען איז בעשטאנען אין דעם וואס ער האט בעליידיגט דעם קעניג אויף אן אפענעם מיטינג.

ער האט זיך אויסגעדריקט אויף די ווערטער.

"דער קעניג און דאס לאנד נויטיגט זיך אין אייך".

און שטאדט דעם האט ער געזאגט "דער קעניג און דאס לאנד בלוטיגט אייך".

דר. נחמן העללער ביי די שומרי שבת

הרב דר. נחמן העללער, איבערזעטצער פון דניאל ועזרא, וועלכער האט זיך געמאכט א נאמען אין שטאדט מיט זיינע געלונגענע דרשות אין פערשיעדענע שיהלען און מיטינג־פלעטצער וועט פארטראגען 3 רעדעס אין שומרי שבת שוהל טשעסטנאט סטריט, שבת פ' יתרו. ביים דאווענען צו קריאת התורה, אונד נאך מיטאג 3 אוהר, אויך זונטאג פ' משפטים, 5 אוהר אבענדס.

די טהעמע פון דר. העללער'ס דרשות איז עשרת הדברות, מר. ל. בירנבוים, דער פרעזידענט פון חברה שומרי שבת פערלאנגט דאס אלע יהודים פון טאראנטא און אומגעגענד, מענער, פרויען, און קינדער זאלען קומען צו די דרשות און הערען דעם וויכטיגען גאסט.

מיר וועלען שוין פיעל ניט ליידען

עס וועט נאך נעהמען א פאר טעג און אונזערע אייגענע מאשינען וועלען זיין אין ארדנונג, נאכ'ן מופען אין נייעם פלאטץ, און די צייטונג וועט זיין אין ארדנונג און די בוכשטאבען וועלען זיין ריין.

איבער דעם מופען איז נעכטען אויף דער ערשטער זייט ניט ארויסגעקומען דייטליך דאס וואס מיר האבען געשריבען וועגען 15־טען פעברואר.

פערצייכענט דארום, זייט אזוי גוט, דעם 15טען פעברואר.

אומעגליך געווען עטוואס צו טהון אין גאליפאלי

לאנדאן, יאנ. 20

פרעמיער אסקוויטה, רעדענדיג היינט אין הויז אף קאממאנס, ערקלערענדיג די אורזאכען פאר וואס מען האט צוריק געצויגען די ענגלישע טרופען פון יענעם שלאכטפעלד, האט זיך אויסגעדריקט גאנץ פשוט: "מען האט זיך צוריק געצויגען ווייל די אפעראציאנען אין סולווא ביי זיינען געווען אונאויספיהרבאר, דאס הייסט עס איז אונמעגליך עטוואס צו פערווירקליכען אויף דעם גאלליפאלי האלב אינזעל.

דייטשען ציהען זיך צוריק

לאנדאן, יאנואר 20

דער קארעספאנדענט פון סאלאניקי צו דער דיילי מייל האט היינט צו איהר טעלעגראפירט:

דאס דייטשע חיל וואס האט זיך פערזאמעלט אויף דער גריכישער גרעניץ פאלט צוריק און זיי מאכען פערפערטיגונגען זיך צו פערטיידיגען געגען אן אטאקע פון עלליים.

די בולגארען האלטען אין איין פערניכטען בריקען און די דייטשען און די עסטרייכער ציהען צוריק די אינפאנטעריע און קאוואללעריע פון מאנאסטיר.

בערלין יאנואר 20

דער היינטיגער אפיציעל סטייטמענט לויטעט:

עס איז ניטא וואס צו בעריכטען פון דעם שלאכטפעלד און די באלקאנען.

לאקאלע פאסירונגען

פאר מעדזשיסט רייט דעניסאן אין פאליס זענען נעכטען פארגעבראכט מר. און מרס. הענדעלסמאן פון 170 טעראלי סטריט צו זאמען מיט זייערע קינדער לואיס און דזשעני אויף דער קלאגע פון, שטערען די ארדנונג.

דער פאקט איז געווען אז דארטען אין הויז איז עפעס געווארען א געשלעג.

פאטער און מוטער האבען זיך מודה געווען אז זיי האבען זיך אביסעל צוווערטעלט, די קינדער אבער האבען געטהענעט אז אין הויז איז אלעס געווען אין ארדנונג, און זענען געווען פארטיג צו געהן שווערען אז וואס זיי זאגען איז אמת.

דער מעדזשיסט רייט האט זיי געווארנט זיי זאלען עס ניט טהאן ווייל דערמיט וועלען זיי בעגעהן א פערברעכען פון פאלש שווערען, לואיס און דזשעני האבען אבער ניט געפאלגט דעם מעדזשיסט רייט'ס ראטה. און דער רעזולטאט איז געווען דער.

וואס מר. און מרס. הענדעלסמאן זענען בעפרייט געווארען, און לואיס און דזשעני זענען שטראפירט געווארען מיט 50 דאלאר אין קאסטען אדער 30 טאג דזשייל.

די בעאמטע פון דער מאשיניסטען יוניאן האבען נעכטען אין דער פריה ארויס געשיקט אן אולטימאטום צו דריי גרויסע אמוניציאנס פאבריקען, דאס אויב זיי וועלען ניט נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער צו פערקירצערען די ארבייטס שטונדען וועלען די ארבייטער ארויס אין סטרייק.

די יוניאן בעאמטע האבען זיך ענטזאגט ארויסציגעבען די נעמען פון די דריי פירמעס.

די פאדערונגען זענען דאס די ארבייטער זאלען ניט מעהר ארבייטען, ווי 54 שטונדען א וואך.

די מאנופעקטשורערס האבען צייט נאכצוגעבען די ארבייטער פאדערונגען ביז שבת פריה.

א נייער טשאקאלאד פאדוש

אויב איהר ליעבט פאדוש, און ווילט עטוואס ניי אין דיעזען דעליקאטען און לייכט געמאכטען קאנפעקט, פראבירט דאס פאלגענדע.

מישט צוזאמען 2 קאפעס צומאהלענעם צוקער צוויי עס־לעפעל פריי'ס טשאקאלאד פאודער א שטיקעל פוטער די גרויס ווי אגוס, מישט צוזאמען מיט א קאפע מילך און לאזט עס קאכען פון 20 מינוט ביז א האלבע שטונדע.

עס ווערט דעהפון א קנויל ווען מען טהוט עס אריין אין קאלטע וואסער, עס ליבע נים מאכט עס אויסקוקען שעהן, נעהמט עס ארונטער פון פייער מישט עס ביז עס ווערט הארט לייגט עס אריין אין א פען, און ווען עס ווערט קאלט צו שניידט עס אויף שטיקלאך.

א בריעף אין זשורנאל

אין אידישען זשורנאל געפינט זיך א בריעף אדרעסירט צו מר. פאול ראזענהאל.

דער בריעף קומט פון רוסלאנד

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

35

סענט (פארן רובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט

ליבע, האס און ראכע

אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ק־ד.

(יטע פארטזעצונג)

[illegible] לטער מאן האט א מאך געטהון [illegible]

[illegible] עם און שולדיגקייט גנעדיגע פרוי [illegible] זאל זיין ווי עס איז, איך טהו נור [illegible] בעט איך אייך, האט ער אויפ־[illegible] איהר געזאגט לאזט זיך אויבען [illegible] טהאן. ווארום ווען מען וועט [illegible] אייער פיר דערגעהן — [illegible] מיין גאט, רידעל האט זי שוי אויסגערופען, איהר האט רעכט, [illegible] מיין זיכערהייט הענגט דערפון [illegible] דאך, האט זי מיט א טרויריגע [illegible] געגעבען גוועהרענד איהר קאפ [illegible] בראכען אויף איהר ברוסט אראב [illegible] איז עס מיר אמאהל ריכטיג [illegible] ער פערשטיקט, דא צווישען די [illegible] וועגט, איך זאל קיים [illegible] דאן כון איך ארויסגעהן, [illegible] אייניגע סעקונדען פרישע לופט [illegible] זאקסט וואלט איך דער־[illegible] געווארען.

איך גלויב עס, האט דער אלטער [illegible] צוגעשאקעלט אינדעם ער האט [illegible] לייזענדע פרוי בעטראכט, דאס [illegible] מענש אויסהאלטען; אזוי לאנג [illegible] זיין אונטען ווי אין א פעסטונג! [illegible] ניט ענדליך פון אייערע שרעק [illegible] ען און ענדע מאכען און זיך דער [illegible] דערקענען געבען?

די בלאסע פרוי האט א לאנגען גע־[illegible] אויסגעשטויסען און איהרע אויגען [illegible] זיך וויים און ברייט מיט שרעק [illegible] פענט

[illegible] ניין, אה ניין, רידעל. דאס קען [illegible] ווארום איך האב נאך ניט דיא [illegible] מיינע הענד מיט וועלכע איך [illegible] פערפלוכטער די מאסקע קענען [illegible] און איהר צו דער מענשליכער [illegible] איבערגעבען.

— אבער גערולד, איך וועל די [illegible] האבען, און די האפנונג אליין איז [illegible] וואס גיט מיר קראפט צום לעבען! [illegible] הארץ וויל ניט מעהר לעבען, מיין [illegible] איז פערשוואונדען, מיט מיין אייג־[illegible] קינד האב איך אלעס פערלארען.

[illegible] האט געשוויגען, נאר שטילער־[illegible] ער זיך מיט די הענד די טרעה [illegible] די אויגען בעווישט.

און ווען עס וועט נאך א לאנגע צייט [illegible] ביז איהר וועט די געווינשטע בע־[illegible] און דערווייל וועט איהר [illegible] קראפט ניט האבען דא אונטען [illegible] האלטען איהר וועט קראנק ווערען, [illegible] דאן זיין? האט ער איהר בע־[illegible] נעפרעגט.

[illegible] טוידער איז איבער איהר קערפער [illegible] און זי האט א ציטער גע [illegible] צו איהם צוגעגאנגען און האט [illegible] הענד אויף'ן שולטער ארויפגע־[illegible]

[illegible] רידעל, זאלען מיר זיך אויף גאט [illegible] וועלכער האט מיר אויף [illegible] אונגערבארען ארט פון טוידט גע [illegible] צו איהם האף איך און אויף [illegible] פערלאז איך זיך!

[illegible] טיעף ריהרענד האט דער [illegible] מאן צו איהר ארויפגעקוקט זיא [illegible] איהם אויסגעזעהען ווי א היילינע, [illegible] איבער מיט גערולד אלע ליידען פון איהר שיקזאל.

— איהר האט ווידער פאר מיר גע־זארגט האט זי וויינענדיג אויף די שפייז וואס ער האט איהר געבראכט געזאגט; רידעל, ווילט איהר מיר א טובה טהאן?

— אה, זאגט נאר.

די בלאסע פרוי האט שנעל א קייט פון האלז ארונטערגענומען אויף וועלכער עס איז א גאלדענער מעדאליאן מיט בריליאנטען בעזעצט געווען.

רידעל נעהמט עס און גיט עס אייער האנכען דאס גוטע קינד וועט באלד איהר חתונה פייערען זאל זי דיעזע קייט מיט דעם מעדאליאן טראגען און זאל עס איהר גליק ברענגען.

— אה, גנעדיגע פרוי! דאס נעהם איך קיין מאהל ניט אן! האט דער אלטער מאן אבוועהרענד אויסגערופען, אזעלכע פיהטערליכע צירונג פאסט ניט פאר א מיידעל פון דאס פאלק; ניין, ניין, דער געשאנק איז צו טהייער!

—רידעל! די שטימע פון דער פארנעהמער פרוי האט געציטערט, איך בין אייך אזוי פיעל שולדיג; נעהמט עס, איהר וועט מיר דעם גרעסטען געפאלען טהאן, איהר וועט מיר דערמיט פערגניגען פערשאפען; זאגט, דאס איהר האט עס פון א פערשטארבענע פערוואנדטע געירש'ענט וועלכע האט אייך זעהר הויך געשעצט און האט אייך פיר אייער טריע און אויפאפפערונג געליעבט, דאן וועט אייער האנכען עס אננעהמען.

אין איהר שטימע איז עפעס וואס בעשטימטעס געלעגען, ער האט איהר ניט געקענט דערגעגען זיין איהר פרעזענט ניט אנצונעהמען, שווייגענד האט ער איהר האנד אנגענומען און האט איהר צו זיינע ליפען צוגעפיהרט.

— ווען איך וואלט געקענט מיין טאכטער דערצעהלען ווער עס האט איהר דעם געשאנק געמאכט אבער איך מוז שווייגען! אה, גנעדיגע פרוי, ווען עס וואלט אין מיין האנד געווען איהר זאלט שוין מארגען פריי זיין? דאן וואלט איך זיך גליקליך געשעצט, אייך גליקליך צו זעהען.

— גליקליך! האט זי שמערצליך אויסגערופען, כיין גוטער פריינד, גליקליך קען איך שוין קיינמאהל ניט זיין!

רידעל האט זיך שנעל אבגעקעהרט און האט דעם אויסגעלעדיגטען קארב מיט דער לאטערנע גענומען.

און ווידער האט די טרויעריגע שטימע אין זיין אויער געקלונגען:

— רידעל, ווען איך וואלט פון צייט צו צייט דאס קינד אמאל קענען זעהען עס וואלט ווי א זאנענשטראהל אין מיין טרויעריגען פינסטערען לעבען געווען און מיין פערביטערטע הארץ וואלט זיך ערקוויקט.

דער שלאסגערטנער האט געקוקט אן א זייט. א געוואלדיגער קאמפף האט זיין געזיכט אויסגעדריקט, עס איז איהם זעהר שווער געווען דער אונגליקליכער איהר ביטע צו ענטזאגען.

— ניין, ניין, גנעדיגע פרוי, עס דארף ניט זיין! דאס קינד האט איך שוין אמאל געזעהען און דאס קינד האט איהר שוין אויך פון אייך דערצעהלט — פערגעסט ניט וואס דערפון קען ארויסקומען.

— יא, איהר האט רעכט, רידעל, ענטשולדיגט מיר, האט זי איהם ביטענד אונטערבראכען איין אויגענבליק קען אלס פערדארבען! איך וועל גערולדיג ווארטען ביז די שטונדע פון מיין פרייהייט וועט פאר מיר שלאגען!

זי האט איהם די האנד צום אבשיעד גערייכט.

— גאט זאל אייך היטען, רידעל!

דער אלטער מאן האט דאס צימער פערלאזען, עס איז ווידער שטיל און איינזאם אין דער אומגעבונג פון דער לעבעדיג בעגראבענע. זי איז נאך אלס אין מיטען צימער געשטאנען און מיט פערגלעזערטע אויגען געקוקט אויף דער דער טיהר.

— ווען א הימלישער פאטער, וועט ענדליך די שטונדע פון ערלעזונג פיר מיר שלאגען? האט זי טרויעריג געמורמעלט.

נאהענט צום ציעל

טרענק איז געהאנגען צווישען הימעל און ערד, פון דערווייטען האט ער געהערט די רעגעלמעסיגע טריט פון דער שילדוואך זאנסט איז אלעס שטיל און רוהיג געווען, ריכטיג ווי די גאנצע וועלט איז אבגעשטארבען.

ער האט זיך יעצט אין גרעסטען געפאהר געפונען ער האט געוואוסט דאס פון דעם קלענסטען גערויש פון דעם מינדעסטען אונפארזיכטיגקייט איז זיין לעבען אבהענגיג און ער האט זיין גאנצע קראפט אום גלייכגילטיג און קאלט צו בלייבען צוזאמענגענומען.

אזוי שנעל ווי ער האט געקענט האט ער זיך פון זייל אראבגעלאזען, ער האט זיך געמוזט זעהר איילען אום דעם צוריקקעהרענדען סאלדאט פון דער וואכע אין די הענד ניט אריינפאלען.

ביז צו דעם נעקסטען שטאק האט ער זיך אראבגעלאזען און פלוצלונג — וואס איז דאס? וואס איז מיט דעם זייל געשעהן?

טרענק האט געפיהלט, דאס די ענדע פון דעם זייל היינגט ניט אראב פריי, עס האט זיך אנגעהויבען שטארק אנצוציהען ווי איז דאס מעגליך?

(פארטזעצונג פאלגט)



„איך בין צופרידען מיט מיין מילך סופליי''

קענט איהר עס זאגען?

דריקט עס אויס אייער מיינונג — זענט איהר צופרידען מיט אייער מילך סופליי? די פארמערס דיירע, האט הונדערטע צופרידענשטעלענדע קאסטימערס אין יעדער טהייל פון טאראנטא דיעזע קאסטימערס בעקומען טעגליך

פעטע רעהנע מילך

וויסענשאפטליך פאסטערעזירט אין א פלעקלאזער דיירי, און דעליווערט רעגעלמעסיג בא אנשטאנדיגע סיילסלייט איף ריינע ווייסע וועגנען

איהר קענט אויך האבען דיעזע צופרידענהייט, ווען איהר ארדערט פון איינעם פון אונזערע דרייווערס, שרייבענדיג אדער טעלעפאנירען צו אונז.

THE FARMERS' DAIRY

וואלמער ראד און ברידזשמאן סט.

טעלעפאן הילקרעסט 4400

שלמה האלפערין

דער מאן

(סקיצע)

עס איז שוין איינס א זייגער ביי נאכט, און מיסטער פישביין שלאפט נאך אלץ ניט. ער שפאנט ארום איבער'ן ציממער, לעגט זיך צו אויפ'ן לאנטש, און שפרינגט ווידער אויף. ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען.

זיין ווייבעל, מיט וועלכער ער איז שוין באלד דריי יאהר פערהייראטה, איז יעצט אויף א באל, צו וועלכען ער אליין האט זי צוגערעדט צו געהן, און יעצט, פונקט ווי אלע מאל, עסט ער זיך אויף פאר זיינע אייגענע נארישקייטען. עס פארדריסט איהם, וואס ער האט זי צוגערעדט צו געהן. זי האט כלומרשט ניט געהאט קיין חשק צו געהן, צי זי האט עס געמיינט ערנסט צי ניט, אבער צו וואס נאך צורעדען?

און אז שוין יא געהן, האט ער דאך אויך געקענט מיטגעהן, זי האט דאך איהם כלומרשט געבעטען ער זאל מיט איהר מיט געהן. נו וואס האט ער געדארפט אריינקריכען אין איהרע געדאנקען און לעזען, אז זי מיינט דוקא ער זאל ניט געהן? עס פערדריסט איהם יעצט אויף דער גאנצער וועלט; אויפ'ן פערהייראטען לעבען; אויף די פאלשקייטען וואס עקזיסטירען; אויף די מיטינגס, אויף די בעלער. דאס זענען אלעס מאסקעס פאר אויסגעלאסענהייט! און נאך מעהר פארדריסט איהם אויף זיך אליין. ווי קומט ער זיך לאזען אזוי פערדרעהען דעם קאפ? ער א מאן, א זעלבסטשטענדיגער, און אידעאליסט, א מאן, וואס האט דאס גאנצע לעבען פערבראכט ביי די ביכער. זאל זיך לאזען אזוי פארדרעהען א קאפ, און פון וועמען? פון אזא פוסטער בעשעפעניש, פון אזא פערדארבענהייט?

''ניין! עס קען ווייטער אזוי ניט געהן! ''נא יוז''! איינמאהל פאר אלע מאל, עס מוז נעהמען אן ענדע, און נאך היינט. גענוג זיך געפלאגט! איך קען שוין ניט מעהר! מארגען מוז עס געשעהן. איך מוז זיך מיט איהר צוגעהן! עס איז א זומפ, פון וועלכען איך מוז ארויסקריכען און וואס גיכער, דעסטא בעסער. וואס לענגער איך ווארט אלץ טיעפער קריך איך אריין און אלץ שווערער וועט מיר זיין פון איהר זיך ארויסצורייסען. און צו וואס ווארטען? איך האב עס פאראויס געדארפט זעהן, אז מיר זענען ניט קיין פאר. ערשטענס די יאהרען! איך א מאן אריבער פערציג, און זי א יונג ווייבעל פון צוויי און צוואנציג. און צווייטענס איז זי ניט די וואס איך האב גערעכענט. א ליסטיגע, א לייכטזיניגע, א עגאאיסטישע! דאס גאנצע לעבען איהר'ס בעשטעהט אין ארומשלעפען זיך. דא אויף בעלער, דא א סיירפריז פארטי, דא גלאט אזוי א פארטי, און מאלע וואסערע תירוצים די לייט זוכען שוין אויס, אבי זיך אויסדרייען פונ'ם מאן און זיך ערגעץ ארומשלעפען ביז 2—3 אזייגער ביי נאכט, דער רוח ווייסט, מיט וועמען..

''מארגען וועט עס נעהמען אן ענדע''

אזוי געהט ער ארום איבערן ציממער און חזיר'ט זיך:

''מארגען וועט עס נעהמען אן ענדע''. און אין דער זעלבער צייט ווייסט ער גאנץ גוט, אז ער וויל זיך אליין אבנארען.

ניט מארגען, און ניט איבערמארגען וועט עס נעהמען אן ענדע. שוין ניט איינמאל אז ער האט אזוי בעשלאסען, און אבי נאר זי בעווייזט זיך מיט איהר שעהן פנים'ל, מיט איהר זיס שמייכעל, און, ווער שמועסט, אז זי טהוט איהם א נעהם ארום און א דריק צו צו איהר פולער ברוסט אזוי צושווימען אלע זיינע פערדאכטען, און זי בעווייזט זיך איהם ווידער אי' געשטאלט פון א ריין מלאכ'ל און ער פארשעהמט זיך פאר זיך אליין, וואס פאר אן אידיאט ער האט עס געקאנט זיין אזוינס צו טראכטען וועגען איהר, און איז איבערגליקליך, וואס זיינע ליפען האבען זיך חלילה ניט ארויסגעכאפט און איהר ניט פערראטהען מיט זיינע נארישע געדאנקען.

דער שטאדט זייגער האט הויך אויסגעקלינגען צוויי. דאס שטילקייט פון דער נאכט ווערט ביסלעכווייז צושטערט; דא פון א מילך וואגען, דא פון טריט פון עפעס א פערבייגעהער. ער הערט זיך צו, צו וועט ער דערקענען איהרע טריט, אבער אומזיסט.

''נו, דאס איז שוין צופיעל! אוועק אויף גאנצע נעכט? דאס איז שוין צו פרעך! זי וועט דאך מיך ניט האלטען פאר אזא אידיאט, אז איך זאל זיך לאזען איינרעדען אז זי איז געוועזען אויפ'ן באל ביז נאך צוויי ביי נאכט? אזא חוצפה! אזא אויסגעלאסענע — פאר'ן ווארט ''אויסגעלאסענע'', האט ער זיך אליין דערשראקען. אייגענטליך מיט וואס פאר א רעכט רופט ער זי אן ''אויסגעלאסענע''? קיין בעווייז הערויף האט ער דאך ניט, אז, וואס זי האט ליעב ארומצוגעהן? וועלל, ער קאן דאך ניט פערלאנגען, זי זאל אפזיצען גאנצע אווענדען אין צוקוקען, ווי ער גריבעלט זיך אין זיינע ביכער? זי איז דאך ניט מעהר ווי א מענש, און נאך א יונגערמענש, ווערט סקוטשנע, ווילט זיך אביסעל דורכגעהן צווישען מענשען.

ס'אבער גיט צו זאגען ''דורכגעהן''! אויף גאנצע נעכט!...

שא! לאמיר בעטראכטען די זאך אינפארטיאיש.

זי, א יונג, שעהן ווייבעל, גאנץ שעהן אויסגעבלויזט... בעווייזט זיך אין טאנץ זאל, אהן א מאן! קיין אידעאליסטקע איז זי ניט... נו, פאר וואס עפעס זאל א יונגער מאן זיך אפזאגען פון אזא ''בארגען''? וועלל! הויבען זיך אן איינלאדונגען צו פערשיעדענע טענץ; קאמפלימענטען, א וואונק מיט די אויגעלעך... א נעהם ארום ביי דער טאליע, נאכהער בעגלייט מען א היים, מעשה דושענטעלמען, נו געהט מען פערביי האטעל, קען מען דאך ניט זיין קיין גרינע, אז יענער פארבעט צו סאפער, און דארט א גלעזעלע וויין און אזוי ווייטער...

''אן אויסגעלאסענע''! שרייט ער שוין אויס דאס מאל זיכער, א כאפ טהוענדיג זיך ביים קאפ ער פיהלט אז דער מוח ווערט איהם שווער צושאסען, פון אויפרעגונג.

''קיין צוויפעל, אן אויסגעלאסענע פרוי''! בעווייזע! בעווייזע דארף מען נאך? ווען ער פילט זיך ניט און געהט א זוך טהון צווישען איהרע קליידער וועט ער נאך געפינען געשריבענע בעווייזע, בריוולעך פון איהרע ליובאווניקעס...

אפגעשוואכט, נערוועז און אויפגערעגט שטעהט ער נעבען דער קליידער שאפע, האלטענדיג דעם שליסעל אין האנד, און קלערענדיג, צי זאל ער אויפשליסען צי ניין.

זיין שטאלץ האט זיך פלוצלונג ערוועקט אין איהם. עפעס זעהט עס אויס צו געמיין, נידעריג פאר איהם צו געהן זוכען אין פרעמדע פאקעטס ווי א דעטעקטיוו...

א קלונג פונ'ם עלעקטריק גלעקעל האט פלוצלונג אפגעהאקט זיינע געדאנקען.

''זי איז שוין דא''!

מיט א קלאפענדיג הארץ איז ער ארויס געלאפען און געעפענט די טהיר.

זי איז אריין א פרעהליכע, דאס פנים רויט און שיינענדיג פון שמחה.

''האלא, איב! שלאפסט נאך ניט?''

''נא!'' האט ער געענטפערט מיט א זיפץ

''וואס? שוין ווייטער? איך זע געבליבען שטעהן א צומישטע. הער אויס איב! מיין ניט אז איך בין דיין בייבי און דו וועסט זיך שפיעלען מיט מיינע געפיהלען'', האט זי שוין ארויסגעשטאמעלט מיט טרעהרען, אין די אויגען.

''דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך האב ניט געוואלט געהן היינט צום באלל, און דו האסט מיך צוגערעדט כ'זאל געהן. האסט נאך געזאגט אז האסט היינט א זעהר אינטערעסאנטען בוך צו לעזען און אז וועסט זיך ניט לאנגווייליגען, און מיט גו'ה האסטו אויך ניט געוואלט געהן, כאטש איך האב דיך אזוי שטארק געבעטען.

''איך וועל מיר געבען דאס ווארט, מעהר פון שטוב ניט ארויסטרעטען!'' האט זי שוין וויינענדיג אויסגעשריען.

''אט האסטו דיר, א! צוגעוויינט זיך פלוצלונג! ווער האט צו דיר טענות? ווער איז ברוגז?'' האט ער זיך ביי איהר גלעטענדיג איהרע גאלדענע האר, און בעה מעשה טראכט ער: ''ווי שעהן און רייצענד זי איז היינט! ווער שמועסט, אז זי ווערט ברוגזלאך, ווערט זי גאר מלא חן''... ''פערקעהרט, איך בין זעהר צופריעדען וואס דו געהסט אוועק און פארברייננסט דיר דיין צייט. נאר, שא! גענוג. שוין צייט צו געהן שלאפען''.

''א שעהנער אידיאט בין איך'', טראכט ער ביי זיך אפשפילענדיג די שיך און קוקענדיג אויף איהר ווייסען, רייצענדען קערפער... ''וואס האב איך צו איהר? וואס האב איך זיך אנגעכאפט? אזא משוגעת! וואס מיר קען איינפאלען!'' א גליק, וואס איך האב זיך נאך ניט אדוקגעכאפט מיט עפעס א נארישקייט. שעהן וואלט איך אפגעשניטען''! . . .

Satisfying
O'Keefe's

עס איז לייכט, מילד און צופריעדענשטעלענד, שטארק אין פאזיטיווע שפייז ווערטהען — נאהרהאפטיג און ערפרישענד — א מילדער, עדעלער אויפרעגער.

געברויט אין א מאדעל ברועריי. כדי צו ענטשפרעכען דעם געברויך פון דער היים — די פאמיליע — דעם אטלעט — אדער וועמען עס איז וואס נויטיגט זיך אין א שפייז־טאניק.

. דאס ביער וואס איז
תמיד א. ק.''

ארדערט א קייס פון אייער דיעלער היינט.

פאדערט פון אייער דיעלער

קעסקייך קעניד סעמאן

פערקויפט ביליג

אמת גוטע פרישע

פארמס
צו ביליגע פרייזען

ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק פעלס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

א פארם פון 150 אקער לאנד, מיט 2 הייזער, 2 בארענס מיט אלע מאשינערי פיר דאס פארם, 23 מייל פון טאראנטא אויף די קינגסטאן ראוד, נעבען א טריין טרעק, וואסער, טעלעפאן און אלעם נויטיגעס. קליינע איינצאהלונג, א גוטער טשאנז צו מאכען געלד.
פרעגען אין זשורנאל מר וויינבערג.

יונגער מאן זוכט א פורנישד רום מיט באארד ביי אן אנשטענדיגער פאמיליע צווישען מעקאל און ספעדיינא. פרעגט שריפטליך אין זשורנאל באקס 2
4997—23—1

צו פעררענטען א דעפארטמענט 7 רומס די לייטעסטע, גלייך אריינצומופען, עלעקטריק פיקשורס, שליסעל 7½ לאפפינקאט סט. ביליג רענט.
5102—24—1

צו פארענטען אן אויסגעפארנישטע רום ביי אן אנשטענדיגע יאנג פאר פאלק פאסענד פאר א יונגען מאן אדער פריילין. אין 24 דאסס סט.

צו פעררענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, ביליג רענט 79 בעלדווין סט.
4986—23—1

צו פעררענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס פרעגען 12 דזשעראַרד וועסט
4994—1—23

2רומס מיט אלע קאנוויניענס צו פעררענטען ווי א אויך א סטייבעל פרעגען 117 גרענדזש עוו.
4995—1—24

סטאר און 7 רומס צוא פעררענדען 244 קינג איסט ביליג רענד 15דאלאר איין מאנאט מען קען קריגען אליסט אויף איאהר נאכצופרעגען 563 קינג איסט
4970—23—1

צו פעררענטען איין איינגעטרייטע פיש סטאר, אין א גוטען געגענד 58 ארטור סט.
4957—21—1

צו פארדענדען א גרויסען האלל 1000 סקווער פיט פאסענד פאר מאנופעקשורינג פלעט מיטינג אדער דענסינג האלל ביליג רענט פרעגען 248 סימקא סט
4956—1—21

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט ביי
THE T. EATON CO.
LIMITED
עקספיריענסד קויט און קלאוק אפרייטערס
זיך ווענדען
פעקטארי עמפלאימענט אפיס
16 לואיזא סטריט

פערלאנגט פאקעטס אפרעיטארס אויף מענ'ס קויטס. ראנדאל און דשונסטין. קאר. סימקא און וואלינגטאן סט.
4961—21—1

פערלאנגט א פעהיגען באי מיט גוטע רעפערענסעס צו לערנען זי בייסיקעל טרע באלד געצאהלט, נאכפרעגען זיך ביי די „פערלערס בייסיקיל ווארק'' 163 [illegible] עס סט
5103—24—1

פערלאנגט
אפרייטארס, פאקעט מייקערס, לייונגג מייקערס, רעק שטעפער שניידער, אונטער בייסטערס און שייפערס און פיני שער פרעגען ראיעל האלפייל טיילארס 565 קווין סטריט וועסט.
4996—21—1

פערלאנגט א סים פרעססער און א ארם סטיטשער נאכפרעגען טאראנטא לאדינג 406 עדלייד סט. וועסט מר. ראזמיסנקי
49871—23

פערלאנגט פאר אפרעיטאר ה. ראדען 12, שערידיין עוו.
4992—23—1

פערלאנגט קעפ מייקערס און אפרעי טארס צו לערנען אויף שטרוי העטס, געצאהלט אין דער לעהרע טאראנטא העט קא. 257 עדלייד וועסט.
4991—23—1

מען ברויכט עקספיריענסט און דרעסס סעב און סקוירטס דיא קאנאדא דרעסס ענד סקוירטס קאמ. 553 קווין סט. וועסט
4971—27—1

פערלאנגט קויט אפרעיטארס און ליידיס קויטס אויף סקוירטס פינישערס פרינסעס לוידיס טיילארס, 510 קווין סט. וועסט
4975—23—1

פערלאנגט פינישערס אויף קלאוקס און סוטס נאכפרעגען ענטערפרייז מאנופעצטשורינג קא. 156 דזשאן סט. 3 טער פלאור
4976ם23ם1

פערלאנגט אן אונטער פרעססער ביי סקוירטס און דרעססעס גלייך. בעקער קא. 333 עדלייד סט. וועסט
4962—21—1

פערלאנגט א יונגען מאן וואס קען גוט ענגליש צו קענוועסען פון הויז צו הויז נאכפרעגען 270 קווין וועסט
4952—1—21

פערלאנגט אפרייטארס פאר מיליטער פענס, 111 עדלייד סט. וועסט. טאפ פלאאר פרעגען פאר פילצמייקער
4967—21—1

פערלאנגט העלפערס צו קלאקס נאכפרעגען קונטער קלאק 439 קינג וועסט
4949—19—1

BUSINESS CHANCES
ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פער קויפען
א שניידער מאנופעקטשורינג פלענט, זעקס מאשענען. א באטאנהאל. איין הארס פאוער מאטאר 86 פאלמערסטאן עוועניו
4998—24—1

גרויסער אויס פערקויף

א גרויסער אויסוואהל פון מענער סעקאנד הענד סאוטס אווערקאוטס און פענטס צו פערקויפען און אויך די סטאר איבערצוגעבען סחורה מיט א ביסעל בעסטע טשאנס צו מאכען א גוטען לעבען נאכפרעגען 102 עלם סט.
4915—1—21

פיינטער און פייפערהענגער
איך פייפער א רום אדער פיינט פאר 92
33 באלדווין סטריט
1—24

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און הארפט ברענדים וויין אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט, פאן מיין 106
פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

כשר און ביליג און גוט
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פרעלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארס וועלען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף יעם פונט אין קעס. [illegible] איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארעס: ווארשט, וויננער קארענדביעף, באלאניע
שרייבט דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה מאלקאוויטש, 694 רישמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. [illegible]

Little Miss MAIDEN CANADA
Registered
Cowan's Perfection Cocoa
גאנץ פולע נאהרונג
—רעהן.

איך
העלף
קענעדע

דערמיט וואס איך
געברויך
ווינדזאר־טישזאלץ
עס איז געמאכט אין
קענעדע

וואָרום דער אידישער אַרבייטער זאָל זיין נאַציאָנאַל

ד״ר י. מיכלין

ה.

ביידע שטרעמונגען — אסימילאציא און נאציאנאליזם — פערמאגען יעדער זיין לאזונג, זיין פראגראם און זיין פראקטישע זייט אלס מיטעל צו ערריינכען דעם צוועק. די אסימילאציאן פרעדיגט צו די אידישע מאסען פערגעסען זייער אייגענע פערזענליכקייט, זייער שטאם און זייער געזונטע און קאמפפען די ארומיגע בעפעלקערונג, וועלכע וועט זיי ביסלאך ווייז פערשלינגען און פערדייען. אסימילאציא הייסט אונז נוט בלויז אויפגעבען אלעס פאר וועלכע אונזערע עלטערן האבען אזוי ביטער געקעמפט און אזוי טהייער בעצאהלט, נור זי האט אונז אויך אנצונעהמען אזעלכע זאכען געגען וועלכע אונזער נשמה פראטעסטירט שטארק אום אור איינקייפען זיך אין דער ניט־אידישער געזעלשאפט.

דער נאציאנאליזם דאגעגען פרעדיגט צו די אידישע מאסען זיך צו האלטען שטארק אן זייער שטאם, און זיך צו ווערען געגען יענע פרעמדע שטרעמונגען וועלכע שטרעבען זיי צו פערשלינגען. דער נאציאנאליזם הייסט די אידען בלייבען פריי און זעלבסטשטענדיג, הייסט זיי אבהיטען זייער ארגינאליטעט און פארטזעצען זייער נאציאנאלען לעבען, קעמפפען פאר סאציאלע און עקאנאמישע פערבעסערונגען, שאפען אידישע אגריקולטורעלע קלאסען, אויפלעבען זייער אייגענע שפראך און איבערהויפט צוריקגעווינען זייער פאטערלאנד. די דאזיגע צוויי פערשיעדענע שטרעבונגען קעמפפען צווישען זיך פאר איבערהערשאפט. עס בלייבט נור פאר אונז צו בעשטימען וועלכע פון די צוויי וועט ארויס די זיגערין, אסימילאציאן אדער נאציאנאליזם?

אום צו זיין פאזיטיוו און אונזער בעשטימונג מוזען מיר פאראויס אויסמעסטען גענוי די כחות וועלכע בעוועגען ביידע ריכטונגען. מיר מוזען גענוי וויסען וועמעס קלאסען אינטערעסירען די דאזיגע ריכטונגען פערטרעטען, ווער זיינען די טרעגער פון יעדער ריכטונג בעזונדער, וועלכע פון די ביידע האט הינטער זיך די מאסען יענע ברייטע שיכטען פונ'ם פאלק וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די מעהרהייט און וועלכע פון זי שטיצט זיך נור אויף א געוויסען קלאס — וואס איז א שווינדענדע מינאריטעט. ווארום עס איז א בעוואוסטער כלל, אז דער קיום און די פערווירקליכונג פון יעדען אידעאל אין א פאלק ווערט געזיכערט דורך די דריי פאלגענדע הויפט פרינציפען:

1) דער אידעאל מוז זיין א היסטארישע נויטווענדיגקייט.

2) דער אידעאל מוז פערטרעטען די אינטערעסען פון אלע שיכטען פון פאלק אדער אם ווייניגסטען פון יענע וועלכע שטעלען צוזאמען די מעהרהייט און ניט בלויז די אינטערעסען פון א געוויסען קלאס.

3) די אידעאל טרעגער אדער די וועלכע קעמפפען פאר זיין קיום און פערווירקליכונג מוזען בעזיצען גרויס התלהבות פאר זייער אידעאל און זיין בערייט זיך מקריב צו זיין פאר איהם.

פון די אלע דריי פונקטען זיינען די לעצטע צוויי די העכסט וויכטיגע, ווייל אין דער אויפפאסונג פון דער מענשליכער געשיכטע בכלל און פאלקס געשיכטע בפרט שפיעלען די מאסען די הויפט ראלע. די גרויסע מענשען פון א פאלק האבען קיין מאל ניט פערזיכערט די פערווירקליכונג פון די פאלקס אידעאלען אויב זיי האבען ניט געקענט פערזיכערען די עקזיסטענץ פונם פאלק אליין, ווייל די גרויסקייט און שטארקייט פון א פאלק בעשטעהט ניט אין די צאהל פון זיינע גרויסע מענער, זיינע גאונים און זיינע גייסטיגע פיהרער, אויך נוט אין צאהל פון זיינע ביכער און מאגאזינען, שלאכטשיפען און לופט פליהענדע מאשינען, סאבמארינען און אנדערע מלאכי חבלה־דיגע ערפינדונגען. א פאלק איז נור דאן גרויס און מעכטיג ווען דער פאטריאטיזם פון זיינע מאסען איז הויך ענטוויקעלט.

אין דער געשיכטע געפינען מיר דאס גאנץ גרויסע און מעכטיגע נאציאנען, פאר וועלכע די וועלט האט געציטערט, זיינען פלוצלינג אונטער פון דער ארענא און אויפגעהערט שפיעלען זייער ראליע אין דער וועלט געשיכטע נור צוליעב דעם ווייל עס האט געפעהלט זייערע מאסען דאס פאטריאטישע געפיהל. דאגעגען געפינען מיר דאס קליינינקע און שוואכינקע פעלקעל'אך זיינען גאנץ געבליבען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען, ווייל דער וועלכער האט געהערשט צווישען זייערע מאסען, האט דעם פאלק געגעבען די ווידערשטאנד קראפט בייצוקומען יעדען אנפאל.

א לעבעדיגער בייספיעל איז דאס אידישע פאלק אליין. קליין און שוואך, אהן ארמעען און אהן פלאטען, אהן א לאנד און אהן פעסטונגען, צוזייט און צושפרייט איבער'ן גאנצען ערד קוגעל, אומעטום ארומגערינגעלט פון די שונאים, וועלכע הערען נים אויף איהם צו פערפאלגען און אונטערדריקען, איז ער דאך אלס פאלק גאנץ געבליבען ביז צו היינטיגען טאג. זיינע נאציאנאלע איגענשאפטען זיינען ניט פערלארען געגאנגען און זיין נאציאנאלע פיזיאגנאמיע כאטש אביסעל צוקארלעטשעט און דאך די זעלבע. די ליעבע, די טרייהייט און די איבערגעבענהייט פון די אידישע מאסען צו זייער פאלק האט געראטעווען דאס אידישע פאלק פון יעדער סכנה, אזוי האט געהאנדעלט די אידישע מאסע ביז אהער און די פראגע איז: האט זיך די אידישע מאסע געענדערט?

(פארזעצונג אויף פיידזש 4)

פריש און ערפרישענד

"SALADA"

איז צו זאמען געשטעלט פון העכע גאנץ יונגע בלעטער, ריכטיג אויסגעקליבען, ריכטיג צו זאמענגעמישט, און ריכטיג פערפאקט. עס ברענגט די חיות פון א מזרחדיגען גארטען צו אייך אויפ'ן טיש

שווארץ געמישט אדער גרין

ווער איז מאקסעמיליאן הארדען?

א געוועזענער דעליטאנט אויף דער ביהנע ווערט אן ארויסגעבער פון א צייטונג, הייסט וויטקאווסקי און רופט זיך הארדען. — קייזער ווילהעלם פערמאכט איהם זיין מויל. — א געבוירענער סקאנדאליסט. —

פון יעקב קירשענבוים

עס קאכט יעצט אויף דער גאנצער וועלט מיט מאקסימיליאן הארדען, מען ליובט איהם, מען קריטיקירט איהם, זיין די עלליים מאכען איהם פאר א מארטירער פון פארטשריט.

ווער איז אט דער הארדען וואס ווערט אזא מין רעשם, ווען ער זאגט עפעס און ווארום האט איהם די דייטשע רעגיערונג פערבאטען צו רעדען אויף פערזאמלונגען? און ווארום האט זי צוגעמאכט זיין וואכענבלאט ''די צוקונפט''?

אט די און ענליכע פראגען, שטעלען זיך יעצט טויזענדע מענשען וועגען דיעזען מערקווירדיגען מאן מאקסעמיליאן הארדען.

לאמיר אייך זאגען אז ביז דעם יאהר 1907, ווען הארדען האט אויפגעדעקט סקאנדאליעזע פאקטען פונ'ם ,,רונדען טיש'' אין וועלכע פאן איילענבערג און מאלטקע זיינען געווען פערמישט, איז ער גאר ניט געווען בעקאנט.

ער אליין איז געבוירען געווארען ביי רוסיש־אידישע עלטערן און זיין ריכטיגער נאמען איז חיים וויטקאווסקי, צו 13 יאהר איז ער אנטלאפען פון דער היים מיט א דעלעטאנטען טרופע צו שפיעלען טהעאטער און ביז דעם היינטיגען טאג ווען ער איז שוין א געטויפטער א היבש ביסעל יאהרען, איז ער נאך אלץ טהעאטראליש, ער ליעבט דאס סענזאציאנעלע, דאס רייסענדע און באנאלע.

געבוירען איז ער דוקא אין בערלין אין 1861 און שוין אין זיין יוגענד האט ער ארויסגעוויזען זיין סקאנדאליעזען כאראקטער וועלכען ער האט ניט געקענט בעהאלטען פשוט ווייל ער איז געבוירען געווארען א סקאנדאליסט.

די נאטור האט איהם אבער געשענקט א שארפע בייסענדע פעדער מיט א נאטירליכע נייגונג צו קריטיק און סאטירע אהן דעם עלעמענט איז הארדען ווי א פיש אהן וואסער, און זיין גאנצע בעריהמטהייט האט ער ערווארבען דורך סקאנדאלען און ,,רעוואלווער זשורנאליזם'' וועלכעס איז במעט זיין נשמה זיין באדען.

הארדען האט ניט נאר געזוכט אנצוגרייפען די רעגיערונגס סיסטעמען, אדער ענטדעקען זייערע סקאנדאלען, ער איז אפט אנגעפאלען ווי א בייזער הונט אויף זודערמאנען און אונטער דעם מאנטעל פון קריטיק, האט ער דעם גרעסטען דייטשען דראמאטורג זודערמאן בעליידיגט און געמאכט צו קליין געלד.

און קיין זאך איז הייליגער ביי איהם ווי ביליגע סענזאציע, און ער איז ניט געווארען אזוי בעריהמט, אזוי פאפולער, ווייל ער איז דער גרעסטער זשורנאליסט חלילה! ער האט געוואוסט אז עס וועט שמייכלען די דייטשע אנטיסעמיטען ווען ער וועט אנגרייפען די אידען, האט ער אנגעגריפען די אידען און פון זיי געלאכט, כאטש ער אליין שטאמט פון אידישען פאלק.

און איז ער ניט געווארען גענוג בעריהמט, מיט אויסלאכען זיין פאטער און זיין משפחה, איז ער אנגעפאלען אויף די פוילישע נאציאן און זי בעשמוצט אלץ אום צו געפינען חן ביי די דייטשען, און אט אזוי פלעגט ער זוכען וועמען צו זידלען און וועמען צו ערנידעריגען אום צו ווערען גרויס דורך דעם.

הארדען איז נאך געווען א יונגערמאנטשיק ווען קייזער ווילהעלם האט ארונטערגעזעצט ביסמארק'ן פון זיין ''טהראן'' דאן האט זיך הארדען גענומען שמייכלען צו ביסמארק'ן און איז איהם נאכגעגאנגען אויף שריט און טריט.

די עפענטליכע וועלט האט תמיד געזעהן הארדען'ען מיט ביסמארקען, דאס האט יעדען געמאכט דענקען, אז ביסמארק איז הארדען'ס א חבר און אינטימער און גוטער פריינד, הארדען האט דאס געוואוסט און האט זיך דערמיט בענוצט.

ווען ביסמארק איז געשטארבען האט הארדען אויפגעלעבט, ער האט גענומען ארויסגעבען סודות וועלכע ביסמארק האט איהם פערטרויעט, און אויפגערודערט די וועלט. ביסמארק האט ניט געקענט אבלייקענען און הארדען האט איהם גערופען זיין פריינד.

די וואס האבען געקענט ביסמארק'ן פערזענליך, די האבען געוואוסט, אז הארדען בלאפט, אבער הארדען האט א שארפע פען, האט אן אייגענע צייטונג און זיינע שונאים, אפילו די, וואס האבען געזוכט זיין ''צוקונפט'' פשוט צו זעהן וואס ער האט צו זאגען.

ענדליך ווען הארדען האט קריטיקירט די דייטשע רעגיערונג און קייזער ווילהעלם, האט ער בעקומען א מאסע אנהענגער, וועלכע האבען געהאט הנאה צו לעזען ווי א משומד רייבט א מארדע.

פאר א בעליידיגונג געגען קייזער ווילהעלם, האט הארדען בעקומען 6 מאנאט פריזאן, אבער ערשט דאן איז ער געווארען א מארטירער און איז ווידער ארויס מיט שארפע בעליידיגענדע ארטיקלען, און זיין צוקונפט איז קאנפיסקירט געווארען אפשר 50 מאהל און דאס איז געווען זיין וואונש.

די דייטשע רעגיערונג האט איינגעזעהן אז הארדען איז געבוירען צו מאכען סקאנדאלען צו זוכען פעהלער, ער איז דער געבוירענער קריטיקער, דער אומצופריעדענער זוכער און ער האט ניט אויפגעהערט צו קריטיקירען ווילהעלם'ס רעדען, ווילהעלם'ס שרייבען און זיינע רעגיערונגס פלענער.

אט די סארט שרייבעריי אין הארדען'ס זשורנאל האט איהם געבראכט טויזענדע לעזער און ער איז געווארען א רייכער מאן און גענומען זוכען א טאן געבער אין פאליטישען לעבען.

קיין פאליטישע אדער פרינציפיעלע איבערצייגונג האט הארדען ניט געהאט, וואו סענסיישאן, דארט איז ער געווען און וואו סענסיישאן אדער עפענטליכע סקאנדאלען האבען זיך גענומען בעווייזען האט מען שוין געוואוסט אז הארדען האט א האנד הערין.

די דייטשע רעגיערונג האט גענומען איינזעהן אז מיט גוטען וועט הארדען דאך ווערען דער פריינד פון דער רעגיערונג, און אזוי איז געווען, א לאנגע צייט איז הארדען געווען דער פריינד און פערטהיידיגער פון דער רעגיערונג און דער דייטשער פאליטיק.

און עס איז געווען דאן אן אפענער סוד אז הארדען איז געווארען דער שמש, דער דינער פון דער רעגיערונג, און איז אין זיין צוקונפט ארויס פון מארך פאטריאטיזם.

אין 1908 האט הארדען פשוט ערקלעהרט צו הערמאן בערנשטיין, איצטיגער רעדאקטאר פון ''טאג'' אז דייטשלאנד וואקסט ריזיג און זי וועט מוזען זיך מעהר קאלאניען, און דאס בעסטע וואלט זיין אז ענגלאנד און אמעריקא זאללען הארמאניש אויסארבייטען פלענער פאר א וועלטס פריעדען, אבער מלחמה, זאגט ער, איז אונפערמיידליך ווייל דייטשלאנד בדרויכט לאנד פאר איהרע נאטירליכע בעפעלקערונג.

הארדען איז געווען א רעגיערונגס מענש, און האט גענוי געוואוסט, אז מלחמה מוז קומען, און ער האט עס אונטערשטיצט און בעגרינדעט.

לויט דעם רעקארד פון מאקסעמיליאן הארדען איז לייכט צו זעהן אז אזא מענש ווי ער, האט אין דער איצטיגער צייט ניט געקענט בלייבען שטיל, רוהיג, ווייל דאס ברענגט איצט ניט איין קיין כבוד און סענזאציע דאס מוז ער האבען, און ער איז ארויס געגען דער דייטשער פאליטיק וועלכע ער האט פריהער אליין אויפגעבלאזען.

ער איז געווארען א ''רודף שלום'' און גענומען צימבלען אויף זיין אלטען שטייגער אויף די במילא צורודערטע פאלקס נערווען און ער האט דערצעהלט אין אן ארטיקעל אז דער קריעג קען שוין פאר דייטשלאנד גאר ניט אריינברענגען און עס איז צייט צו שליעסען פריעדען.

ביי די עלליים איז ער איצט דער גאט, ער האט פלוצלונג ווידער אויפגעלעבט, מען האט זיין צוקונפט צוגעמאכט און די ווייל הארדען פאפולאריטעט, איז ער גאר ארויס רעדען, און רייצען דאס פאלק געגען מלחמה.

די רעגיערונג אונטער דיעזע אומשטענדען האט זיך געפיהלט געצוואונגען צו פערמאכען הארדען'ס מויל און עס איז עס דאריבער דער יעצטער קריזיס פון דער מלחמה.

מאווינען וואוינט הארדען אין גרונעוואלד, א פארשטאדט פון בערלין, און אפילו זיין הויז אריינגאנג איז סענזאציאנעל. אויף דער טיהר שטעהט א שילדעל מיט פאלגענדען אויפשריפט: ''שנעל איינטריט! איהר מעג אריין מיט פערשטויבטע שטיוועל אבער מיט א ריינער נשמה''.

וואלט מען געקענט מיינען, אז דער מענש איז א הייליגער, קוקט מען זיך אבער צו צו זיינע מעשים און מען ציטערט אויף איבער זיין אנטי־סאציאליסטישע און אנטיסעמיטישע קאנסערוואטיווע פאליטיק, וועלכע ער האט שטענדיג געפערדיגט.

ער האט ליעב זיך צו קליידען און צו רעדען אקטיאר מעסיג, און זוכט אויף אלעס א ביהנע עפעקט, ער איז א קליינער דיקער מאן מיט געבוירענע פעהיגקייטען צו דער זשורנאליסטיק.

כאראקטעריסטיש, ווי הארדען האט קיינמאהל ניט געהאט קיין גוט ווארט פאר אידען, אפילו ווען מען האט זיי פארמעגט און געשענדעט און אט דער ''נאבעלער הערר'' טרעט יעצט ארויס פאר פריעדען וויסענדיג אז מען וועט פון איהם הערען. פאר אונז איז ער קיינמאהל ניט געווען קיין כבוד, ווייל אפילו די אנטיסעמיטען שרייען, אז פון א ''איד'' קען מען בעסערס ניט ערווארטען.

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3,50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL 110

אונזער ענטפער

מיר ווילען זיך היינט אבשטעלען וועגען א בריעף, וועלכען מיר האבען נעכטען פערעפענטליכט אינ'ם ''לעזערס ווינקעל''. דער בעטרעפענדער שרייבער האט צו אונז פרעטענזיעס, ווארום מיר זענען געגען דער ניי־געגרינדעטער הילפס קאמיטע, אנשטאט וואס מיר וואלטען זיי גאר געדארפט ערמוטהיגען.

מיר וועלען ערקלעהרען ווארום, יעדער איינער דארף זיין געגען דער ניי־געגרינדעטער קאמיטע.

דער שרייבער פון יענע שורות הער שובין, פרעגט אונז ווארום ווען מען איז איבערצייגט, אז עס איז אונמעגליך צו פעראייניגען דאס גאנצע טאראנטער אידענטהום אין איין קערפערשאפט, ווארום ניט גרינדען קליינע בעזונדערע קאמיטעטען. אויף אויף דיעזער פראגע ווילען מיר זוכען צו ענטפערען.

דיעזע צייטונג און דער שרייבער פון דיעזע שורות, האבען ניט ווייניגע מאהל אגיטירט פאר א אידישע קהלה, פאר אן אלגעמיינע אידישע פעראייניגונג, פאר א קערפערשאפט, וועלכע זאל פערוואלטען מיט אלע היגע שטאדטישע ענינים. מיר האבען זיך אבער איבערצייגט אין פערלויף פון דער ארבייט, אז אזא קערפערשאפט איז אונמעגליך זי זאל קענען עקזיסטירען, פשוט דערפאר, ווייל עס פעהלט ביי אונז, אנהויבענדיג פונ'ם אסימילאטארישען ''גענאסע'', און ענדיגענדיג מיט'ן ''שוהל־איד'', דער געפיהל פון ט א ל ע ר א נ ץ, צו קענען טאלערירען דעם צווייטענס מיינונג, צו פערשטעהן אז יעדער איינער איז בערעכטיגט צו זיין וועלט־אנשויאונג. פון דיעזער מכה ליידען די ראדיקאלע קרייזען פונקט אזוי ווי די ארטהאדאקסישע, די לעצטע פיעלייכט נאך אין א גרעסערן מאסשטאב. טאמער האבען מיר געצווייפעלט דארין, האט אונז דער היגער ועד הכשרות אין דעם איבערצייגט. שוין ביי דער ערשטער געלד־חלוקה, האט מען באיקאטירט מאנכע אנשטאלטען, וועלכע טאנצען ניט נאכן ארטהאדאקסישען פייפעל. אבוואהל די מענשען פונ'ם ועד הכשרות האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז נאכקומען די פליכטען קומען נאך אלע, שוהל־איד, אדער ראדיקאל. עס האט אבער געפעהלט טאלעראנץ און דארום איז אזוי געהאנדעלט געווארען. דיעזער מאנגעל אין טאלעראנץ מאכט דארום פאר אונמעגליך יעדע געמיינשאפטליכע שטאדטישע ארבייט. מיר זאגען ש ט א ד ט י ש ע ארבייט, און שטרייכען עס אונטער.

די ארבייט אבער פאר די מלחמה קרבנות האט וואונדער בעוויזען, זי האט בעוויזען אז פאר דער אלגעמיינער אידישער צרה, ווערען אלע קריוודעס אויסגעגלעכט אין א זייט, און איין ציעל איז בלויז פערהאן, שאפען וואס מעהר הילף.

אזוי איז עס אין אלע שטעדט, וואו די ארבייט ווערט געטהאן הארמאניש פון אלעמען, און אזוי איז אויך דער פאל אין טאראנטא. אין היגען הילפס־קאנפערענץ ארבייט דער דעלעגאט פון מיקאהל שוהל אדער טעראלי סטריט שוהל האנד אין האנד מיט אן ארבייטער רינג אדער יוניאן דעלעגאט, און עס מערקט זיך ניט, אז מען זאל ניט קענען ארבייטען צוזאמען.

עס איז דארום ניטא קיינע נויטווענדיגקייטען פאר אויסטהיילען די היגע אידען אין בעזונדערע קלאסען, ווייל אלע זענען פאקטיש פעראייניגט, און איינצעלנע פערזאנען, וועלכע ווילען זיך גרינדען אין בעזונדערע קאמיטעטען, האבען מיר דארום א רעכט חושד צו זיין, אז זיי זוכען צו כאפען פיש אין מוטנע וואסער, אז זיי ווילען צוליעב כבוד און אמטען גרינדען בעזונדערע קאמיטעטען, אום צו קענען קריגען עס.

דאס היגע ארבייטס־פעלד איז א גאנץ בעגרענצטעס און א קליינס, עס איז ניט די גרויסע ניו־יארקער קהלה, וואו מען קען ניט ברייכען אלעמען, און דארום איז דא ניטא קיין נויטווענדיגקייט פאר בעזונדערע קאמיטעטען.

די אלע וועלכע ווילען דארום ארבייטען פאר די מלחמה קרבנות, האבען איין פלאץ, אנצושליסען זיך אינ'ם עקזיסטירענדען הילפס־קאנפערענץ, וועלכער וועט אלעמען אויפנעהמען מיט אפענע ארמס. פאר נאך קאמיטעטען איז קיין נויטווענדיגקייט ניטא, און אויב אזעלכע גרינדען זיך, איז עס בלויז א שטערונג פאר דער שוין עקזיסטירענדער קערפערשאפט, און די הילפס־ארבייט, אנשטאט פערגרעסערען זיך, וועט גאר דערפון ליידען.

און רעדען מיר שוין וועגען די בריעף אינ'ם ''לעזערס ווינקעל'', ווילען מיר אייך בעריהרען א צווייטען בריעף. מיר מיינען דעם אויפרוף פון לאנדאן, אנטאריא, צו ארבייטען פאר אן אלגעמיינעם אידישען ''טעג־דעי'' אין קענעדע.

מיר ווייסען נוט, ווי ווייט די זאך איז דורכפיהרבאר, ווייל אן ערלויבניש אויף ''טעג דעיס'', ווענדעט זיך מעהר פון יעדער שטאדט פערוואלטונג ווי פון דער פעדעראלער רעגיערונג.

מען מוז דארום גאנץ פארזיכטיג האנדלען מיט דער פראגע, און דאס בעסטע וואלט געווען, זי זאל זיין איינע פון די פונקטען, וואס דער קומענדער פאר־קאנפערענץ פונ'ם פאלקס־קאנפערענץ אין טאראנטא זאל פערהאנדלען.

ווארום זיי האבען געלאכט

אין קענעדער פעדעראלען פארלאמענט, איז שוין לעצטענס געווארען ווי א מנהג, דאס ביים אנהויב פון יעדער סעסיע, ברענגט אריין דער מאנטרעאלער מיטגליעד ביקעדייל זיין געזעץ־פראיעקט, וועגען אבשאפען טויט־שטראף אין קענעדע.

עס איז קיין פראגע ניט, אז ווען אזא פראגע וואלט איבערגעגעבען געווארען צו די בירגער צו שטימען, וואלטען די מעהרסטע ובפרט די אידישע בירגער געשטימט געגען דעם. און דאך ווערט געמעלדעט, אז ווען דער בעטרעפענדער מיטגליעדער האט היי יאהר ווידער אריינגעבראכט זיין רעזאלוציע, איז עס אויפגענומען געווארען מיט א געלעכטער פון אלע זייטען.

דאן ווען די וועלכע מיטגליעדער זענען אזוי ענטוזיאסטיש פאר'ן קריעג, פאר דעם, אז די קאנאנען זאלען פארזעצען זייער בלוטיג שפיעל, איז קיין וואונדער ניט, אז עס קומט אויס לעכערליך, ווען מען שטעלט זיך איין פאר'ן לעבען פון עטליכע מענשען.

אויב מען מעג אויסקוילען מאסען רעגימענטען, ווארום זאל אויך ניט ערלויבט זיין צו הענגען אין די קענעדער תפיסות.

ניט יעצט איז די צייט צו רעדען וועגען יושר מיט פאלקס־פערטרעטער.

''מיר'ן ווארטען פאר'ן פאפא קינד ער — ער לעבט אויך פריי'ס טשאקאלאד''

פריי'ס טשאקאלאד פאודער

מאכט יעדען טשאקאלאד קוכען טרומפירענד יעדער איינער האט הנאה פון זיין שעהנעם און געשמאקען געזונטען ריח, אפילו ניט עקספיריענסד הויז־פרויען בעקומען גוטע רעזולטאטען — עס איז אזוי לייכט צו באקען, מישט צוזאמען א פערטעל קאפ פון פריי'ס טשאקאלאד פאודער, מיט צוויי קאפס צוקער פאודער, צוזאמען מיט צוויי לעפעל קרים אדער געזאטענע וואסער. דאס אלעס.

געוועהנליך געדענקט, ,,קיין אנדער נאר בלויז פריי'ס

פיקפארד פאפולאריטעט קאנטעסט

מערי פיקפארד פערלאנגט א געהאלט פון 6000 דאלאר א וואך ווארום קענט איהר ניט אויף דאס זעלבע? ענטפערט — פערפעהלט ניט דאס געלעגענהייט עס וועט זיך פאזיטיווי נאך א מאהל ניט טרעפען פרייע קורס אין דיא ארט וואו מאווינג פיקטשור עקטינג וועט געגעבען ווערען צו די דריי מיידלעך וואס געווינען דעם פאפולאריטי קאנטעסט ביי דזוליען ארמילאו אינסטראקטאר וואו די פאטופלייערס סטודיא הייגנטצ־מאן בילדינג לאזט אייער נאמען ביי דעם מענעדשער. וואו דיא מערי פיקפארד טעהאטער קווין קארנער ספידיינא

—LYRIC THEATRE—

אויף דעם פערלאנג פון פובליקום
וועלען מיר שפיעלען נאך 2 מאהל
פרייטאג און שבת אבענד דעם 21־טען און 22־טען יאנואר

די מלחמה קרבנות

שבת מאטעניע אום 2.30 נאכמיטאג
מיט ביליגע פרייזען 30 סענט 20 סענט און 10 סענט
צום ערשטען מאהל אין דיעזען סיזאן גרויסע ביבלישע אפערא

יוסף מיט זיינע ברידער

זונטאג אווענד דעם 23 א גרויסער קאנצערט

— LYRIC THEATRE —
דער וועג צו פרייהייט!
ווירד זיין דאנערשטאג אווענד דעם 27־טען יאנואר
צום עהרען אבענד פיר אונזער ליבלינג שוישפילער אונד זיינגער.

מר. וויליאם עפשטיין

עס ווירד שפיעלען דעם ערשטען מאהל אין טאראנטא בלויז דעם אבענד.

דער וועג צו פרייהייט

אין 4 אקטען פון לעאן קוסמאן.
קומט זעהען דעם וועג צו פרייהייט

ד. ווהייטסמאן

במיוזיקאל דירעקטאר
89 ארטהור סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 1834

לעסאנס ווערען געגעבען אויף וויאלין, ווי־אלא, פליוט, קלא־רינעט, קארנעט, א. ז. וו.

יוניאן מיוזיק פאר בעללער, קאנצערטען' חתונות און איבערהויפט פאר שמחות.
צופריעדענהייט גאראנטירט
בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיקער

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דרייגודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסייל און רעטייל 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוס־טער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בעדינט געווארען. דזשאב־לאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.
טעלעפאן אדעלייד 8772.

פעדלערס און סטארקיפערס

אויב איהר ווילט מאכען געלד פאראוואס ווייסט איהר ניט דעם ריכטיגען פלאץ וואו קויפען אייערע וואארע ביליג קומט צו ה. דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט וואו איהר וועט קריגען צו יעדער צייט דזשאבס, קלאידינג ליינס, פון קלאדינג און דזשענטס פארנישינג צו די ביליגסטע פרייזען און ריעל בעהאנדלונג מיר פער בייטען ווארע אויב ניט צום ריעדענשטעלענ־נים אונז א טרייעל און שפארט געלד ביים קויפען

די דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט טאראנטא
מיר קויפען אללערליי דזשאבס צו יעדער צייט

ה. יאנאווער — א. ראזענפעלד
טעלעפאן מיין 6886 — טעלעפאן קאלעדזש 5089
זייגען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 ענגעס סטריט — — פאן אפיס עדלייד 2029—
פערקויפען נור
ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE
יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט דאדזשערס טיקעטס, —פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

גדליה מיט'ס

יוניאן בארבער שאפ איז יעצט נעמופט אין
96 ענגעס סטריט

אין איז דער איינציגער פלאטץ אין טאראנטא וואו יעדער אהנע אויסנאהם קריגט די בעסטע און ריינסטע בעהאנדלונג, מיין נאמען איז די בעסטע גאראנטי פאטראניזירט דעם וועלכער איז ווערטה פאטראניזירט צו ווערען.
פערגעסט ניט מיין נייעם אדרעס: 96 ענגעס סטריט
G. Mitz Practical Barber

ווארום דער אידישער ארבייטער זאל זיין נאציאנאל

(פארטזעצונג פון פיידוש 3)

אמת, די רייכע און הערשענדע קלאסע פון דעם אידישען פאלק האט שוין לאנג איהר הסכמה געגעבען אויף אסימילאציאן. זי האט זיך אין איהר אנגעכאפט מיט די הענד און מיט די פיס. די רייכע אידען פון אלע לענדער, כמעט אלע אהן אויסנאהם, האבען שוין לאנג אויפגעגעבען זייער נאציאנאלע אינדיווידואליטעט, זייער נאציאנאלע קולטור און אויך זייער אידישען פאטריאטיזם. אום צו זיין אמת'ע מהדר'דיגע פאטריאטישע בירגער אין די לענדער וואו זיי וואהנען האבען זיי בעשלאסען אבצוטרייסלען זיך פון יעדער נאציאנאלער שטרעמונג אין יודענטהום. פאר'ן ציוניזם האבען זיי מורא ווי דער שטן פאר דער מזוזה. זיי היטען זייער פאטריאטישען בירגערטהום ווי די שווארץ אפפעל פון אויג עס זאל חס ושלום אויף איהם קיין שטויבעלע פון אידישקייט ניט פאלען. מאנכעס מאל ערלויבען זיי זיך אפילו צו ווארפען שמוץ אויף זייערע ארימע ברידער און אויפ'ן ציוניזם אום צו געפינען חן און "לייטזעליגקייט" אין די אויגען פון די גוים. אמת, אבער וויפיעל פראצענט מאכען זיי אויס פון דעם פאלק וואס איז דאך אידיש און שעהמט זיך ניט מיט זיין אידישקייט, פערקעהרט, איז שטאלץ דערויף? וועלען אנדערע זאגען: די מאסען וועלען זיך בייטען. בייטען ווי אזוי? איז עס מעגליך, אז די ברייטע שיכטען פון דעם אידישען פאלק זאלען, מיר ניט דיר ניט, אויפהערען זיין וואס זיי זיינען? דערצו זיינען נור פעהיג די רייכע. זייער עקאנאמישער צושטאנד און זייער געזעלשאפטליכע שטעלונג מאכען אסימילאציאן פאר זיי אי לייכט אי מעגליך. זיי האבען די געלד מיט וועלכע זיי קענען זיך איינקויפען אין דער ניט־אידישער חברה. און די ניט אידישע בעפעלקערונג, צי זי וויל צי זי וויל ניט מישען זיך מיט זיי, זי טהוט עס צוליעב איהר געלד. די מאסע איז אבער ניט ביכולת זיך צו אסימילירען מיט דער ניט אידישער בעפעלקערונג. זי קען זיך ניט מישען מיט דער העכערער געזעלשאפט. ווייל דערצו איז זי צו ארעם און צו נידריג. און צו מישען זיך מיט די נידריגערע שיכטען איז איהר נאציאנאלער שטאלץ צו שטארק אום עס צו ערלויבען. די רייכע האבען די מעגליכקייט צו זיין אקטיוו און פאסיוו אין אסימילאציאן. זיי קענען אי אסימילירען, אי אסימילירט ווערען. די ארימע אבער קענען קיין מאל ניט אסימילירען אנדערע. זיי מוזען דערום זיין אימער פאסיוו און נור ווערען אסימילירט, אזא טהאט, וועלכע ווענדעט זיך נאר ניט אן זייער אייגענעם ווילען נור אן דעם ווילען פון יענע, וועלכע אגב, ווילען ניט דעם שדוך. די עצה, אלזא, וועלכע די אסימילאטארישע נביאים אונזערע געבען דעם אידישען פאלק פאסט זיך, אויב זי פאסט זיך איבערהויפט, נור פאר די רייכע, אבער אבסאלוט ניט פאר די ברייטע מאסען.

א. פ.

בערלין „האט געגעבען 100 דאלאר צום רעליף פאנד

לעצטען זונטאג איז פערופען געווארען א מאס מיטינג אין קאנסערוועטיי האל אין בערלין, אנטעריא, מיט דעם צוועק צו זאמלען געלד פיר די מלחמה מלחמה קרבנות.

נאטירליכער ווייזע, בערלין, ווי אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלאך אין אמעריקא און קאנאדא, האט שוין איינינע מאהל געשיקט גרויסע סומען געלד פאר די מלחמה קרבנות צום פאנד אין ניו־יארק.

בערלין האט אויך איין געפיהרט א רעגולארע מאנאטליכע ביישטייערונג וועלכע ווערט קאלעקטעט ביי גוטע מענשען צום נאבעלען צוועק פון העלפען די אונגליקליכע אין די מלחמה לענדער.

לעצטען זונטאג האט אבער געמוזט זיין אן אויסנאהמע. אלס צוליב צו שבת־שירה, וואס ערצעהלט פון אלטע צייטען ווען אידען זיינען ארויס פון מצרים און אריבער דעם ים האבען די אידען אין בערלין, וועלכע זיינען אויך געקומען פון פרעה'ס לאנד און אריבער דעם ים, זיך פערזאמעלט ביים מיטינג און געגעבען נדבות פיר די אונגליקליכע אויף יענער זייט ים, מעהר פיליכט פון זייער פערמעגען און מעגליכקייט.

דער מתחיל במצוה, די ערשטע נדבה האט געגעבען מר ישעיהו בירשטאק, אן איש נכבד פון בערלין, וועהרענד די לעצטע נדבה אלס אחרון חביב, אין די סומע פון 1 דאלאר האט בייגעשטייערט מר. זאב וואלף פעלדמאן, דער וויס פרעזידענט פון חברה עטרת לבית יעקב. מר. יצחק מנחם טיינבערג, פרעזידענט פון די קאנג. האט מנדב געווען 10 דאלאר.

די בעגייסטערונג איז געוועזען ענטהוזיאסטיש אויף אזוי ווייט דאס קינדער האבען אוועקגעגעבען זייער ספענדינג און סייווינג געלד מיט פערגעניגען און צופריעדענהייט.

הונדערט דאלאר איז דער באלאנס פון מיטינג.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען צו קלייבען וועכענטליך אנשטאט די מאנאטליכע ביישטייערונג.

רעווערענד יעקב אליהו אנדערסאן, דער ש"ץ ושו"ב פון בערלין, מר ארענשטיין פון לאנדאן און דער שרייבער פון דיעזע צייל[illegible] האבען אדרעסירט דעם מיטינג.

הס. נחמן העללער.

אברהם קאהען

בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET.
Main 9684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1848

מאסקירט זיך און בעקומט א פרייז

ביים באל פון דער מאזירער סיק בענעפיט סאסייטי
וועלכער וועט שטאט פינדען

פרייטאג אווענד דעם 28־טען יאנואר

אין אדד פעלאס האלל 229 קאלידזש סטריט

זייט און טאראנטא ווערען פעראנשטאלט מאסקאראד בעלער האט מען נאך ניט געגעבען א זעלכע פרייזען ווי די מאזירער סיסייטי וועט געבען.
איבערצייגט זיך, די פרייזען זענען אין דער לעווינטער פארניטשור סטאר פענסטער.
קומט אויך זעהען די מאסקען וועלכע וועלען דארט זיין.
עס וועט זיין אינטערעסאנט פראפ. עסער גלאז'ס קינדער בענד וועט שפיעלען, דאס אליין איז פיעל ווערטה. ווארנט זיך ביצייטענס ניט א טיקעט און פערגעסט ניט דעם דאטום.

לאזט ניט דורך די געלעגענהייט

פאטאגראפער סורדין

מאכט בעקאנט דעם אידישען פובליקום פון טאראנטא דאס ביי מיר אין פאטאגראפיע 16 קעמערען סטריט ווערען געמאכט גוטע פיקטשערס צו די בילינסטע פרייזען פון דעם 15־טען יאנואר, אונטער דער אויפזיכט פון א גוטען פאטאגראפער וועלכער ארבייט דריי יאהר צייט אין דער גרעסטער ענגלישער פאטאגראפיע, די ארבייט ווערט געפינישט אויף די בעסטע פייפערס און דיא שעהנסטע מאונטס.
די פאטאגראפיע איז אפען פון 9 א זייגער ביז 6 פארנאכט שטענדיג.
פאסט קארד 50 סענט א דאזען קעבינעטס $1,50 א דאזען, האף קאבינעטס $1,00 א דאזען פאמיליען גרופעס $3,00 א דאזען.
גרויסע בילדער ווערען געמאכט פון אלע פיקטשעס.
קומט און איבערצייגט אייך פאר דער ארבייט גאראנטירט,
ניט לאזט דורך די געלעגענהייט, קומט אין 16 קעמערען סטריט

נעהט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און בעלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי
ליובינסקי
די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואלען מיללס.
פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ריעלע בעהאנדלונג
J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto
TELEPHONE MAIN 6446

ארדערט היינט—סיטי דיירי מילך
קאלעדזש 2040—21 פיינטס $1

א אפענער בריעף צו די גערער חסידים

ווען איהר האט זונטאג פרשה בשלח געפראוועט יאהר צייט נאכ'ן גערער רבי'ן האט איהר געטרונקען ביער.

איינער האט פארגעשלאגען איהר זאלט געבען עטליכע סענט פאר אייערע אידישע ברידער וואס געהן אויס פון הונגער דורך דער מלחמה, האט איהר זיך ניט וויסענדיג געמאכט.

קיין 50 סענט אפילו האט איהר ניט געזאמעלט צווישען אייך פאר די מלחמה קרבנות.

ווי קומט עס?

האט איהר קיין הערצער ניט?

געדענקט, מיט אייערע 50 סענט וואלט איהר געווען גערא[illegible]עוועט א פאר אידישע נפשות.

גערער חסידים, פאר וואס האט איהר אזוי ניט חסידיש און אונמענשליך געהאנדעלט פונקט דענסמאל ווען איהר האט געטרונקען און געטרונקען פאר דער נשמה פון גערער צדיק?

א גערער חסיד.

מעהר ווי 200 געטויטעט

לאנדאן, יאנואר, 20

דער בערלינער "לאקאל אנצייגער" שרייבט דאס די עקספלאזיאן וועלכע האט שטאטגעפונען ניט לאנג צוריק אין ליל האט זיך געענדיגט מיט א שרעקליכער קאטאסטראפע. פון דעם אמוניציאנס דעפא וואס האט זיך דארטען געפונען איז קיין זכר ניט געבליבען, אלע מענשען וואס האבען זיך דארט געפונען זיינען געטויטעט געווארען. אלע הייזער און פאבריקען ארום זיינען פערניכטעט געווארען. מעהר ווי 200 פערזאן זיינען געטויטעט געווארען און פיעל מאל אזוי פיעל זיינען געשעדיגט געווארען.

א בערלינער אפיציעלער בעריכט שרייבט צו די אויפרייסונג צו "די ענגלישע", ווארשיינליך פון איינער פון די באמבעס וועלכע איז אין שטאט אריין געווארפען געווארען לויט א שפעטערען בעריכט —

היינט אווענד

דער ליטעראַרישע אווענד פון פאלקס פעראיין וועט היינט, פרייטאג צו נאכט, אויסגעפיהרט ווערען מ ט אן אויסגעצייכענטער פראגראם.

פריינד שאפירא
וועט פארלעזען עטוואס גוטעס.
אלע זיינען ערווכט צו קומען.

א שעהנע שמחה

אויף א ברית ביי מר. אוועראק אין 77 דיארסע סט. איז געקאלעקטעד געווארען פאר דיא לאגיווער מלחמה קרבנות $14,57 דורך שאל פאנצער, אהרן זילבערמאן פון 333 קווין איסט האט געברענגט דאס געלד.

אויך איז געמאכט געווארען פאר'ן אידישען פאלקס פעראיין $6,6.

דער לאגיווער הילפס פעראיין ווינשט דעם בעל ברית מזל טוב מיט אכטונג.

ש. קליינמיטץ טשערמאן
מ. שטערן סעקרעטער.
4999—1

פאר די מלחה קרבנות

ערהאלטען פאר די מלחמה קרבנות פון דער התונה פון מים העלען צו די לייפציגער [illegible] 15,30
די חתונה איז געוועזען אין 30 בעלי־וויו עוו. גערבראכט דאס געלד האט פ. לייפציגער.

15197

פאר די מלחמה ליידענדע איז ערהאלטען געווארען דורך מר. טאביק $16,00 דעם 13־טען דזשענואר, פאר וועלכען ער האט ערהאלטען דעם רעסיט נאמבער 1781

דר. מ. קייטס

דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט
DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

דר. מ. פיווניק

דענטיסט
קאר. קווין סט. און ספעדיינא עוו
טעלעפאן אדעלייד 4067
באנק אף האמילטאן בילדינג
DR. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2.

ד. ר. ז.
א. ד. ר. ר.

געווים דער 15־טער
אלע וויסען דאס
די פראגע איז אבער וואס?

סאסייטיס, ארגאניזאציאנען און פעראיינען!

אין נייעם לאקאל פון אידישען זשורנאל איז פאראן א גרויסארטיג גרויסער און ליכטיגער האל פאר מיטינגען, קאנצערטען, לעקטשורס און אזא ווייטער. גאנץ בעקוועם פאר עטליכע הונדערט פערזאן.

כל הקודם זכה

קומט און רענט דע האלל, עס וועט אייך הנאה טהאן.

לייגט ניט אב, ווייל עס וועט זיין צו שפעט!

דער אדרעס פון אידישען זשורנאל איז איצט 251 קווין סטריט. וועסט טעלעפאן עדלייד 3967

וויכטיג פיר טאראנטער

די זיכערסטע הילף פאר קאפף שמערצען און נערווענקייט איז אויסצובעסערען די זעהונגס קראפט, ווען ס. ראבקין, דער אלטער פראקטיקער און פהיזיקאל אפטקים וועט אויסבעסערען אייערע אויגען מיט פאסענדע גלעזער וועט איהר זיכער געהאלפען ווערען. 12 יאהר אין טאראנטא בעוואוסט אלעס א ספעציאליסט אין אונטערזוכען אויגען, און אין צופאסען ברילען גלעזער פון $1,00 און העכער.

צופרידענהייט גאראנטירט

ס. ראבקין

אויגען ספעציאליסט
660 באטהורסט סט. קארנער הארבארד
טעלעפאן קאלעדזש 1270
אפיס שטונדען ביז 9 אוהר אבענדס.
זונטאג ביי א אן אפאינטמענט

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערען זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

דאקטאר סטאט

האט איבערגעמופט זיין אפיס נאך
16 בעווערלי סטריט
רעזידענץ 532 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 6690
29נ1

כשר
TERDIMAN'S

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, ווארשט, סאלאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש
פערלאנגט איבעראל
טערדימאנ'ס כשר סאסעדזש מיט'ן רויטען לייבעל.
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

מאכט אלערליי עלעקטרישע ארבייט, צו פאר די טאראנטא עלעקטריק צו פאר די היידרא עלעקטריק און רעפערינג צו די בילינסטע פרייזען.
טעלעפאנירט מר. קאמין דעם אידישען מענעדזשער אדעלייד 3527 אדער אדעלייד 2223.
אדרעס 95 קווין סט. וועסט אדער 509 קווין סטריט וועסט.
אויך פערקויפען מיר אלערליי עלעקטרישע פיקטשורס און סופליים אין לעמפלאך צו די בילינסטע פרייזען. האנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופריעדען אלע ארבייט איז גאראנטירט ביי די קאמפאני.
THE TORONTO
ELECTRIC SUPPLY CO.
95 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 509 Queen St. W.
Phone Adel. 2223

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM. TO 11 P.M.
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

דאנערשטאג פרייטאג און שבת

אניטא סטוארט

— אין —
די זשוגגערנאט
די גרעסטע און שטארקסטע פון אלע מאדערנע אייזענבאהן דראמאס.
[illegible] פאני מוזיק טעגליך
מעזאניני סי[illegible] רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

HIPPODROME

City Hall Squa[illegible]

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

סיטי האל סקווער 3 שאוס טעגליך פון 1 נאכמיטאג ביי 11 אווענד מאטינע 10 און 15 אווענד 10 15 25 די וואָ[illegible] פון מאנטאג יאנואר 17
הויפט עטרעקשאן
„פעסינייטינג פלארא"
די בעצויבערנדע פלארא מיט א קאמפאני פון 10 פעהיגע קינסטלער ספעציעלער פילם מערי מיילס מינטער די איינציגע קאנקורענטקע פון מערי פיקפארד "אלוויים אין די וויי"
עדמאנדס און פאררעלל נעהמט אויף דער חתונה סילווער און דיאוואל ווערייעטי פארשטעלונג אלנא קוק זינגענדע קעמיערדין די בעגעמט שוועכטער אין שוידערנדע אקראבאטישע שטיק ספעציעלע עקסטרא עטרעקשאן
מר. הערר מאקדאנאלד
און מרס. אין דער לעכערליכער קאמעדיע שאיפונג:
"אונזער האנימון"

ROYAL ALEXANDRA

3 נ ע כ ט 2 מאטינעעס
ט ת פרייטאג און שבת
דער גרעסטער ענטערטיינער אין דער וועלט

הערריי לאודער

HARRY LAUDER
און זיין קאמפאני פון אינטערנאציאנאלע ארטיסטען
הערט לאודער'ן זינגען
דער ענגלישער בולדאג היט אב די טהיר.
פרייזען 50 סענט ביז $2.00
מאטינעעס 50 סענט ביז $1.50

LOEW'S THEATRE

Yong St.

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
ריעזע וואך עדוואַרד אבעלעס אין
„זעלסט פערטהיידיגונג"
הוירסט או הוירסט אב־עגעהמע זינגערס און טענצערס, גאללאן „דער מאן מיט די מאדנע שטעקענס" פראנ עס ינא לט „די פעשאן פלייט אין וואדעוויל" פינף מארטעלס אין סענזאציאניסיכליג קונצען פיסק, מאקראנאט און כאלאן אין „פעדדי'ס פ נסיאן" וועסמאן און לעאן די פערזאנאליטי מיידלאך",

GLOBE THEATRE

קווין סט. וועסט אנטקעגען מאראולי סט.
אונאונטערבראכענע פארשטעלונג
פון 10 מארגענס ביז 10.30 אבענד
דאנערשטאג פרייטאג און שבת
22-21-20 יאנואר
א ענט אינטערעסאנטע פראדאקשאן
„מיין מאראנא"
מאדאם פעטראווא אין דער הויפט ראללע
מאטינע 5 סענט אווענד 10 סענט

דער אלט בעקאנטער טיטשער מאריס גראפשטיין

איז יעצט אין דעם שעהנעם, אנגנעהמען און ליכטיגען בראדוויי האל 450 ספעדינא עוו. (ארום קאלעדזש)

לעסאנס ווערען געגעבען מאנטאג, דיענסטאג און דאנערשטאג פון 8 אווענדס ביז 10,30 פון אויסגעצייכנעטען סטיל לעהרער און בעסטען יוניאן ארקעסטער.

אלע זענען ווילקאמען!

פרייז וואלץ, און פריוואטע לעסאנס ווערען געגעבען אונטער מיין אייגענער יפזיכט.

מאריס גראפשטיין, פראפרייטאר.
טעלעפאן קאלעדזש 17

ווארשאווער אקושארקע

ענע ראמאנאווסקי

233 סימקא סטריט
טעלעפאן אדעלייד 1543

פלאמבינג

מיט לייכטע אפצאלונגען
ווערט געמאכט ביי אייער פריינד

ס. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט
פאן קאל 7747.